STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01319

DEKLAMATSYONEN

Hayman Mayzel

Permanent preservation of this book was made possible
by The F. Weiler Charity Fund
in memory of
Jack D. Weiler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעקלאמאציאָנען

פון דעם בעריהמטען

שוישפּיעלער

היימאן מייזעל

HEBREW PUBLISHING CO.
50-52 ELDRIDGE ST.
NEW YORK.

טעווקע תם

הערט זיך איינעט, ליעבער עולם
כ'מיין קיין חכמות ניט, קיין גראַם
אויף דער וועלט, היים איך אַ גולם
און מען רופט מיך: טעווקע תם.

וועל, נאָר כאַפּט דאָס אַלדע קלאַגען
איי דאַנט קעיר פאָר דים אַ ביט
פ'קאָם איך מוז דעם אמת זאָגען
קיין פּראָפעסאָר בין איך ניט.

כ'האָב אַ דאַליע, אַזעלכע דאַליעס
נאָר אויף שונאי ישראל געזאָגט
נאָך אַלס קינד, געהאַט מאַזאַליעס
האָב איך שוין געווען פערקלאָגט.

און פערמוטשעט, און פער'צרה'ט
און פון דחקות געל און דאַר
פון דער אַרבייט שוין פערמאַרעט
און דאָס אַלעס, נאָר דערפאַר

ווייל, ווי ס'רעד זיך, די הצלחה
איז פון אונז אַוועק, כמעט
און געווען מיט מיין משפחה
איז דער דלות פאַניע בראַט!

היינט מיין טאַטען עליו השלם
האָט ער ליעב געהאַט א שרעק!
ווען מען גיט איהם, טויזענד שקלים,
וואָלט ער פון איהם ניט אוועק.

און געווען וואָס זאָלט איהר קלעהרען?
איז מיין באַטקע, שוין אַ מאַן
מ'זאָל אַזוינס ניט זעהן, ניט הערען,
אזאַ מאָדנער מין קבצן

ממש טאַקע אין אַכצען פּאַלעם
היינט פערשטעהט איהר דאָך אליין
אַז פון קניזשקעס און פון שקאָלעס
איז קיין טענה ניט געווען.

אָבער וואַרט, עיקר שכחתי
וואָס זשע ברייע איך אוים דערפון?...
יעם! מיט אויגען צוגעמאַכטע
קענט איהר זעהן, אַז איך בין

ניט קיין גרוים גוואַלדאַוונער חכם
רעד פראַנצויזיש, ניט זעהר שעהן
און גלויבט, אַז מיינע הויכע דרכים
קען אפילו אַ קאַטץ דערגעהן,

און איך האָב ניט קיין פּרעטענזיעס
כ'ווייס — איך בין אַ גראָבער יונג
בין ניט פון די צענצע מענציעס,
וועלכע שטופען רק זייער צונג

אומעטום, כאָטש קיינער פרעגט זיי
האָבען ניט קיין ברעקעל סענץ,

און כאַטש נעהמט אין קבר לעגט זיי —
רופען זיי זיך טיליגענץ.

איך בין מיר, פאַר זיך אַ מענצעל
איין זאַך ווייס איך — מיר איז שלעכט ;
טאַנץ מיר מיין קבצניש־טענצעל
און איך דענק — איך בין גערעכט.

דאָ בין איך שוין לאַנג אַ היעגער
האָב אַ פאַמיליע, גאַנץ פיין
האָב פערשטעהט זיך, אויך אַ שוויגער
א געזונד זאָל איהר אריין.

קלוג איז דאָס פאַר אַכציג מענער
שטופּט איהר צונג ניט אומעטום
רעדט קיין וואָרט ניט, אָבער שעהנער,
וואָלט נאָך זיין, ווען זי ווערט שטום

זעלבסט בין איך אַ הייזקע אפּרייטער
און וואָס איך פערדין דערפון
זאָל דאָס ניקאָלאַי דער צווייטער
לאָזען פאַר זיין פּרינץ, דעם זוהן

אין ביזי טיים, פערדיען איך וואסער
אָבער קאַשע ? נאָט אַ בּיט !
אין סלעק ? דאַן ווער איך גאָר נתעשר
האָב איך שוין קיין וואַסער ניט.

ווי דער חודש פאַנגט זיך אָנעט
קומט דער לענדלאָרד און ער שרייט :
האָסט קיין רענט ? טאָ מאַרטש פון דאַנעט
האַרי־אַפּ, איך האָב קיין צייט

און דאס געזעץ טהוט מיך בעשיצען,
ווייל כ'האב פון סיטי האל, א פאס,
א סיטיזען, טא מעג איך זיצען
מיט די בעבעכעס אין גאס

אי דאס ניט לאנג, ווייל תכף קומען
די פאלים מיט א געשריי
ס'טאר ניט זיין דער בלאק פערנומען,
נעהם די שמאטקעס איידא און געה!

הערט זיך איין א משא־מתן
היינט געה שוויינ און האב קיין גראדזש
ס'האניען דיך פון גאס סאלדאטען
און פון שטוב ארויס, דער דזשאדזש

דאס פערשטעהט איהר מיך קומט אויס'עט
איין המצאה, הערט זיך איין
פון איין שטוב טרייבט מען ארויס'עט
ז'צווייטען לאזט מען ניט אריין.

אבער ווארט נאר מחשבותן
וואס זשע וויל איך זאגען וואס?
יעס, ניט דאס בין איך דא אויסען
כ'וויל אייך מעהר ניט זאגען דאס.

כ'קליים ניט אויף צו זיין א חכם
ניט קיין פילאזאף א קאפ
ווי עס קומט צו הויכע דרכים
זאג איך ברודער: אי גיוו אפ!

מעהר ניט דא בין איך געווארען
ווי מען זאגט שוין אויפגעקלעהרט

האָב פון קעפּלעך מיניסטאָרען
קלוגע זאַכען פיעל געהערט

ווי צוםביישפּיעל אידעאַלען
פּראָפּאַגאַנדאַ און פּראָגרעס
ליעבע, ליכטע און בילדונג שטראַהלען
כימיע, אייביגען פּראָצעס

טאָלעראַנץ און פאַנאַטיזמוס
הויכען שטרעבונג, וואַזשנעם ציעל
רעוואָלוציע, ניהיליזמוס
און פון איזמוסען נאָך פיעל

און דבורים נאָך אזעלכע
רק אַלץ סמאַרטע קלוגע רייד
שאַרפע חקירה׳לעך, פון וועלכע
כ׳בין דערגאַנגען שטילערהייד

אז פון אַללע איזמעס פּיזמעס
און פון קונצען נאָך אַ סך
איז אין תוך, דער ציציליזמעס
טאַקע גאָר די פיינסטע זאַך

און הערט זיך איינעט ליעבער עולם
צווישען אונז זאָל זיין געשמיסט
זעהט איהר טעווקע תם, דעם גולם?
— ער איז שוין אַ ציציליסט

און דוקא גאָר אָהן לאַנגע פּשט׳לעך
זאַקאָוויטשקעס דאָ און דאָרט
ביכער אָנגעשטאָפּט מיט בלעטלעך
סי, אַי קאָט די סטאָרי שאָרט

איך פרעג, וויפיעל דאַרף מען וויסען
און ווי קלוג בעדאַרף מען זיין
אויף צו ווען גוטס געניסען
פרעסען און אויך זופען פיין?

וויפיעל סקוהלס דאַרף מען שטודירען
אויף דעם דיפערענס צו זעהן
פון אַ וואַרעם בעט, ביז פרירען
אויפ׳ן גאַס, פון קעלט דערגעהן?

וויפיעל לערנען דאַרף אַ זכר
צו אַ בתולה, אויף צו זיין
סמאַרט גענוג, צו זאָגען בחור
דו מיליאָנטשיק — הער זיך איין!

כ׳האָב געאַרבייט, כ׳האָב געגראָבען,
כ׳האב געקלעטערט אויף די ווענט?
כ׳האב געהאַקט? געזעגט? געשאָבען?
מיר צובראָכען רוק און לענד?

אַלץ אויף וואָס די אויגען קוקען
דאס האָב איך אַלץ, איך געמאַכט?
שעהנע זאַכען, זיך צום בוקען
הייזער שטיבער, גאָר אַ פראַכט

פאַרקענס, גאָרטענס און פאָנטאָנען
אויסגעשטאָנען היטץ און קעלט
אַללע שיפען, אַלע באַהנען,
וועלכע שניידען דורך אַ וועלט

טעלעגראַפען, טעלעפאָנען
גאַנצע בערג אַוועק געמופט

וואונדערליכע לופט באַלאָנען,
וואָס בעזיעגען שוין די לופט.

אויסגעגראָבען אַללע קוילען
יעדען דיאַמאַנט און ברילליאַנט
ס'איז דען שייך אויסדערציילען
אַלעס, וואָס עס מאַכט מיין האַנד?

קורצען אַללע שאר ירקות
און געפּיינטעט און געמאָהלט,
וואָס זשע מאַכסטו חן'ע קוקעס,
וואָס זשע מאַכסטו מיך צום יאָלד?

וואָס זשע פרעגסטו מיר קאַטשאַנעס
פרעגסט מיר ווען און וואו, און וואָס
טראָגסט די הענד אין די קאַרמאַנעס
און געהסט אומעט פוסט און פּאַס

ווען בלאָפסטו, אַז זכות אבות
גרויסע מיהען זיך, פאַר דיר,
אַז דאָס ברענגען דיר, די אבות
גליק און מזל אָהן אַ שיעור

הערט אַ קונץ שטיק, פון זכות אבות
אַזאַ קונץ קען דאָך אַ בער
מיט איין האַנד שענקט ער נדבות
מיט דער צווייטער גנב'עט ער

צאַפּט די בלוט ביי מיר, פון אַדער
שטיקט מיר צו, מיטביידע הענד
גנב'עט צו, ביי מיר אַ קוואַדער
ז'שענקט מיר קריק, פון איהם אַ סענט.

װעמען ברודער לעבען, בלאָפסטו
מיט פּראָספּעריטי אין לאַנד
קריזיס, שמיזים, װי לאַנג האָפּסטו
װעסטו אַלץ דורך איין האַנד

אונז דערציילען רק די מעשה
װי לאַנג נאָך, װעט דאָס דיין װייב
מיט די לאַפּקעלעך די װייסע
מאַכען זיך אַ צייט פּערטרייב

פון ארום געהן צדקה טהיילען
װי אַ אינדיק בלאָזען זיך
אונז פון געטליכקייט דערציילען
אויף כפּרות דאַרף מען דיך

מיט די אַלע פוילע שטוקעס
דאָנט יו טייק מי פאָר אַ גאַי!
װער דאַרף טשאַריטי מיט צדקות?
בלאָפער! טשאַריטי מאַי אַי!

הערט אַ מאַנ׳פאַרגע קריזיס
פּלוצלונג נאַ! ניטאָ די געלד!
ס׳הייסט ניטאָ, אַװאו זשע איז עס?
װאו האט זיך דאס אַבגעשטעלט?

האָט דער טייװעל דאָס גענומען?
נפטר דען געװאָרען? אה?
אַ װאו ליגען דאָס די סומען?
װאו געפינט זיך די מאַטניאָ?

זאָג, אַ װאו האָסטו פּעררוקט עס?
קומען זאָל אויף דיר אַ קרענק

ערשט מען קוקט זיך אום, וואו ליגט עס?
ס'ליגט די געלד אין זיינע בענק

און די קאַסע קאַסטענס זיינע
ליגט די בלוט פון אַלע קנעכט
צוגענומען און ס'איז זיינע
ז'גאַרנישט ניט! ער איז גערעכט.

די קבצנים צו פערמאַרען
זאָגט ער פלוצלונג גאָר: „איי סטאָפ!"
כ'הער מיר אויף, און עסק פארען
און ער מאַכט זיך צו זיין שאָפּ.

און רעדט איהר לאַנג? רופט ער סאָלדאַטען
גיט מיט ביקסען אייך אַ שרעק
און עס סטאָפּט דער משא־מתן
און עס הויבט זיך אָן, אַ סלעק

ער לעבט זיך כיד המלך
הערט אַ יעדען, ווי די קאַטץ
און דו בידנע קבצן הולך
הונגער, פּעכנע, קריעג דעם פלאַטץ

און ער פרעסט און זויפט שאַמפּאַנסקע
שלאָפט אויף אַ פוכאָוועו בעט
פראוועט בעללער שאַרלאַטאַנסקע
טאַקע ווי אין פסוק שטעהט

טהוט פיעל זאַכען, וואָס מען טאָר ניט
האָט אַחוץ זיין ווייב אין דער היים
איין אַפּיניטע, און גאָרניט!
הפקר פּעטרעשקע און שיים!

איין אפינימע א ניט גודסטווע
צווישען אונז געשמועסט, יו בעט
איז דאָס פשוט, אַ פּאָסקודסטווע
צווישען אונז זאָל זיין גערעדט!

אַזאַ פויגעל דאַרף מען זאָגען
קומען זאָל אויף דיר אראָף
אַכצען וואָגען, פולל מיט קלאָגען
ווי לאַנג, ממזר, איז דער סוף?

וואַק ארוים דו פּרא אדם
פון גאַן עדן זאָגט מען דיר
וואַרף אַראָב די זייד בגדים
שטעה און אַרבייט גלייך מיט מיר

אַ כאָלעריע זאָל דיר כאַפּען
ביזט ניט קראַנק, אַזוי ווי איך
מיט'ן שווערען האַמער קלאַפּען
באַקען בולקעס, נעהען שיך

אַ טשעסאַטקע זאָל דיר בייסען
האָסט געזונטע לאַפּעס צוויי
עה! חשק האָסטו נאָר צו שמייסען
יענעם מיט'ן בייטשעל? סעי!

חע! חע! עס פערשטעהט זיך, איהם דעם שעהנעם
ספּיטש, זאָל האַלטען ניט נאָר איך
נאָר אויך אַלע, אלע אין איינעם
אוי וועה, ברודער וואָלט ער זיך

דאָס דערלאַנגט אַ כאַפּ, א ציטער
ס'וואָלט די זאַשפּרים איהם פערגעהן

ס'וואָלט איהם ווערען נעבעך ביטער
הייליג, פריקרע אין די צייהן

איהר פערשטעהט דאָך, אז פון שיסען
וואָלט קיין טענה ניט געווען
מ'וואָלט פערשפּאָרען בלוט פערגיסען
שפּאַלטען בייכער, רייסען צייהן

ווארעם וואָס פאַר א ממשות
קען דאָס האָבען פולווער בליי
געגען אַלעמענם בקשות?
ווען א וועלט וויל ווערען פריי?!

יעם! פּרובט זשע רעדען מיט די מענשען
גלויבען זיי אין מזל, שכר
דאָס האָט גאָט געמוזט איהם בענשען
זאָגען זיי, און אָט דערפאַר

קומט דאָס איהם אזא עשירות
און די בידנע אָרעמע לייט
דאַרפען דאַנקען, פאַר די שבירות
וואָס ער צאָהלט פון צייט צו צייט

הערען אַלע ציציליסטען
ווי פון לעצטען יאָהר, דעם שנעע
ניט נאָר חיים'קעס, אויך קריסטען
יענקים שיים, אַ קלאָג צו זיי

וואָלט איהר זעהן כאָטש, ס'אַראַ גדלות
ס'האָט אַ ליאדע פעקטרי מויד
אלע גרין און געל, ווי פּאַדלעס
פּנים'ער, ווי זויער קרויט

דאַרע, לאַנגע, צוויי ידים
און רק טשואינג־גאַם, קייען זיי
היינט, זייט מוחל, די רגלים?
אַקוראַט, ווי טוטפּיקס צוויי

יע! וואָס לאַכט איהר, חוה'ס טעכטער?
פון דעם לאַכען, ווערט ניט בייז
קען אַמאָל, אַ שטיק געלעכטער
אויפ'ן פּופּעק, שיים ארויס

ס'איז קיין דזשאָוק אין שאַפּ צו זיצען
פון קויר, ביז שפּעט אין נאַכט
און רק ארבייטען און שוויצען
מיעד און דורשטיג, און פערשמאַכט

ווייל פערדומט איז זייער שכל
פיהלען זיי ניט, שטאַרק דעם יאָך
לעדיג איז ביי זיי אין מוח'על
פּונקט, ווי אין אַ פּוסטע לאָך

היינט בחורים, זאָלט איהר קוקען
הויט און ביין, בעדעקט מיט שוויים
נאָר דעם טשאָלענט, צו פערדרוקען
קוקען, ווי מיין שוויגער אוים

עם־הארצים נאָר פערשייטע
טאַנצען לויפט דאָס, צו אַ באָלל
פון אנשי בני, טראַסק סאָסייעטע
אזא טראַסקען, זאָל זיי שוין די גאַל

וואוינען, וואוינט דאָס אין חדרים
ענג און שמאָל און פינסטער וויפּט

פשוט לעבעדיגע קברים
און עס שמעקט פון בארעל מיסט

גלייך ווי ס'וואָלט געוועזען בשמים
ניט קיין גיפט, קיין רעגולאר סם
און פרעגט זיי, זיינען זיי חכמים
און איך, זייט מוחל, טעווקע תם!



פיר דער בעפרייאונג

(פריי נאך רוסישען)
געווידמעט לעא טאלסטאי

I.

איך הער דאס קול פון די דבורים
ווי ער, דער גרויסער זקן שרייט:
„אויף אללע מענשליכע יסורים
וואס זי, די וועלט פערשקלאפטע, לייד'ט.

II.

זאל קיינער ענטפערען מיט רשעות
וואס טויג נצחון דורך בליט?
פאר אללע צרות, אללע בושות
וואס זי שטעהט אוים אויף יעדען שריט

III.

זאל זי מיט גרויסע מעשים טובים
מיט ליעבע צאהלען, אנשטאט, האס,
די שונאים ליעב האבען, ווי קרובים,
ווי מיטמענשען, דאס הייסט בשעת

IV.

דער צווייטער שעלט — זאלסטו איהם בענשען
דען מעג דער שונא, זיין ווי שלעכט,
מעג זיין, פאר די פערשקלאפטע מענשען,
דער וועג, ווי ווייט צום מענשען רעכט

V.

דאָך גלויבען, וועל איך ניט אויף הערען,
אַז קומען וועט דער טאָג — ער מוז
ווען פון דער ליעבע, וועט דער קערן
פול פּראַכט, נאָך בליהען, ווען עס איז

VI.

און ווער עס דרינגט זיך מיט די שטראַהלען
דורך פון די פּראָסטע, קלאָהרע רייד,
דעם ווילט זיך, אויף די קניעס פאַלען,
דעם ווילט זיך אויסשרייען מיט פרייד

VII.

איך פיהל, ווי כ׳וואָלט זיך יעצט, אָנריהרען
צו דער גאָטהייט. יא! ס׳איז וואהר!
איך הער, איך זעה, איך הויב אָן שפּירען
די רעד — זיי זיינען איינפאַך, קלאָהר.

VIII.

די ריינע איינפאַכקייט, געהאַלטען
האָב איך פאַר הייליג, אויך אַמאָל
עס שטעהען אָבער, אויף געשטאַלטען,
פיעל אַנד׳רע שטן׳ס, אָהן אַ צאָל

IX.

דאָרט, ווי אַ וועלט מיט מענשען, מישען,
טיראַנען אויס, דאָס ברויט, מיט בליט,
דאָרט, ווי אַ גאַנצעס פאָלק, מוז קישען
דעם הענקערס האַנד, פאַר יעדען ריטח!

X.

דאָרט, וואו עס קען, גאַנץ פריי רעגירען
אַ מערדער, אויף איין גאָלדנעם טהראָן,

דאָרט, וואו איין שופט, קען איגנאָרירען
אַ גאַנצעם פאָלק — אַ נאַציאָן!

XI.

דאָרט, וואו דער מוח, הויבט אָן פרירען
פון גרוים רציחה, פיין און נויט,
דאָרט, וואו דער גייסט צום רעבעלירען,
איז אָבגעשוואַכט, כמעט ווי טויט

XII.

דאָרט וואו, די ברוסט, פון שמערץ, איז לעדיג,
פערברענט די אויגען פון געוויין,
דאָרט פאַסט קיין מוסר ניט, קיין פרעדיג
דאָרט קען מען גלייכגילטיג ניט זעהן

XIII.

ווי רעכט, און וואַהרהייט, ווערט פערשפּאָטעט
פיעל נאָבלע זעעלען אויסגעראָטעט
ווי אַללעס, וואָס איז עהרליך, שעהן
דאָס מוז, געשמידט אין קייטען געהן
אה! דאָרט גיעבט קיין דעהמוטה, קיין פערצייאונג!!
דאָרט ווילט זיך שרייען: מענש וואַך אויף!
הויב שטאָלץ און דרייסט דיין קאָפּ ארויף!
די שטורעם גלאָקע, ציה מיט מאַכט
און וועק די שקלאָפען וועלט, צום שלאַכט
צום גרעסטען שלאַכט
דעם בעסטען שלאַכט
דעם לעצטען שלאַכט
פיר דער בעפרייאונג!!!

דער סם דער ליעבע

I.

דער סם דער ליעבע, אין מיינעם הערצען
אך, זאָל ער ברענען, זאָל ער זיין
אין מיין נשמה, פול מיט שמערצען
בעלייכטען מיט אַ צויבער שיין

II.

מיט דיר צו זיין, ווי מיר איז זיס
כ'וויל אייביג דיך, צום הערצען פרעסען
כאָטש האָפנונגסלאָז, דאָך צו די פיס
דיר פאַלען, ליעבע, און פערגעסען

III.

אין דעם וויסטען וועלט תהום
אין דיינע אויגען נאָר צו קוקען
און דאָרט מיין צויבערליכען טרוים
מיין פוסטע האָפנונג צו ערבליקען!

IV.

פאָ גיס דעם סם אין מיר, אָה גיס
אָה, קרענק מיך, פלאָג מיך, שעהנע בריאה,
נאָר טרייב מיך נים — דיין סם איז זיס
און איך פערלאַנג ניט קיין רפואה.

א קרעכץ

דער שוסטער, דער שניידער, זיי נעהען פאר שררות
מאיאנטקעס מיט קליידער און אוצרות מיט שיך,
און זיי קומט, מיט וועהטאגען אן, און מיט צרות
צו זעהן א פאר שקראבעס, און שמאטעס אויף זיך

אוי, ברידערלעך לאכט ניט! ס'א קלאג צו דעם לאכען
אוי, קינדערלאך מיינע, מיר וויצעלט זיך ניט
פערוואגעלטע שקלאפען, פון אלערליי פאכען
צו ווייסט ווער פון אייך, ווי מיר טריפט זיך מיין בליט?

ווען כ'קוק אייך אן, עלענדע שיסטער און שניידער
אייער ביטערע פראצע — זי טהוט מיר, פיעל שלעכטס.
זי נאגט מיר מיין הארץ אוים, איך לייד, אבער ליידער.
קען איך אייך בעהילפיג זיין נאר מיט א קרעכץ

א קרעכץ, יא! ניט מעהרער, א זיפץ פול מיט שמערצען
א טרעהר, נאר גוט איז פאר מיר, כאטשע דאס.
איך וויין זיך גוט אוים — ווערט מיר לייכט אויף
מיין הערצען
ווען ניט, וואלט מיין וועהטאג אריבער די מאס

דאן, וואלט מיר מיין גאל אויף שטיק שטיקער
צושפרינגען
און שטעהן וואלט, אויף אייביג, געבליעבען דאס הערץ;
איך וואלט ניט געלעבט יעצט, און וואלט ניט בעזינגען
אייער פינסטערעס לעבען, אין ביטערען שמערץ...

ווען — דאַן...

I.

ווען שקר און שווינדעל רעגירען די וועלט
ווען גזל'נען, שווינדלען, הייסט האַנדלען גאַנץ פיין
ווען ס'הייליגסטע בייט מען, ווי שמאַטעס אויף געלד
דאַן הייסט זיין אַ קעמפפער, אַ טויגעניכטס זיין

II.

ווען אַרבייט פערהיט ניט פון דורשט און פון קעלט
פון ליידען און הונגערען מאַנאַטען לאַנג
פון קרענקען, און יונגערהייט געהן פון דער וועלט
דאַן איז זי קיין מענשליכע פפליכט, נאַר א צוואַנג.

III.

ווען פרייהייט טרייבט טוגענד און וואהרהייט צוריק
פערפאָלגט זיי נאַר שטענדיג, מיט ביקס, און מיט שווערד
אַה, דאַן איז די פרייהייט, קיין פרייהייט פיר גליק
נאַר פרייהייט, פאַר יעדען — צו ליעגען אין דר'ערד!

די בעסטע מאשין

אפטמאל שפעט, ווייט אין דער נאכט,
קען איך קיין אויג צומאכען;
אונרוהיג ליעג איך, און טראכט
פון פיעלע, פיעלע זאכען

נאר מיינט איהר אפשר, אז איך טראכט
פון א מאשין א נייער?
וואס זאל מיט טויזענד פערדען־מאכט
אהן וואסער, און אהן פייער

קענען רייסען ברעכען ווענט?
און גאנצע בערג צו קעהרען?
צורייסען קעפּ, און פיס, און הענד
אום איך זאל גליקליך ווערען?

אה, ניין, איך טראכט פון א מאשין
(כ'בין אייך דעם סוד מגלה,)
וואס זאל ניט מעהר, ווי איין זאך טהון,
וואס ס'טהוען ניט די אלע

אזא מאשין, וואס זאל קיין געלד
ניט שאפען, און קיין זאכען
איין זאך זאל זי נור טהון — די וועלט
פאלקאמען גליקליך מאכען!

אַטען, אָטען, אַנטען, אַטען,
אַלען, איסטען

I.

אטען

אין אַ וועלט פון אווטאָקראַטען
אין אַ וועלט פון פּלאָטאָקראַטען
אין אַ וועלט פון ביוראָקראַטען
קעפּ פערדרעהער, דיפּלאָמאַטען
פּאָליטישענס — דעמאָקראַטען
קרעזען, טוזען, און מאַגנאַטען
פריהער געוועזענע פּיראַטען
וואַגאַבונדען, רענעגאַטען
פּוילענצערס — אַריסטאָקראַטען
פּאַרלאַמענטען מיט סענאַטען
מיניסטאָרען, דעפּוטאַטען
מוזען זיין אויך קאַזעמאַטען
מאָרד־מאַשינען, מיט גראַנאַטען
ביקסען, שווערדען, מיט האַרמאַטען
היטען קעפּ גרויסע, אַמטענטאַטען
אָפיצירען מיט סאָלדאַטען
מיט גלחים, מיט פּרעלאַטען
און נאַטירליך אַדוואָקאַטען
עס זאָל זיי אַללע אַ רוח אין טאַטען!

II.

אָטען.

אין אַ וועלטעל פון דעספּאָטען
מיט מטבעות, מיט באַנקנאָטען
מיט געמאַכטע געצקעס, גאָטען
מוזען זיין אויך שיפען, פלאָטען
מיט מלחמה פּאַטריאָטען
גאַלגענס, תליות, עשאַפּאָטען
מיט פערשווערונגען, קאָמפּלאָטען
שווינדלערס, אָנזעצערס, כלאַפּאָטען
משוגעים — אידיאָטען
אַז ווערען זאָלען זיי צושאָטען!

III.

אַנטען

אַ וועלט, וואו ס'האָבען מאַכט בריליאַנטען
שטיינער, פּערלען, דיאַמאַנטען
מוזען זיין אויך פאַבריקאַנטען
כאַפּערס, לאַפּערס, קאָממערסאַנטען
ריזיקאַנטען, ספּעקולאַנטען.
אין אַ וועלט פון איגנאָראַנטען
מוזען זיין אויך פּראָטעסטאַנטען
מיט פערשיעדענע סעקטאַנטען
קאַפּיטיינער מיט סערזשאַנטען
גרענאַדערען, לייטענאַנטען
מיט פעלדפעבעלס, קאָמענדאַנטען

טעלער לעקערס, אדיוטאַנטען
מיט מעדאַלען, אַקסעלבאַנטען
מיט דועלען, סעקונדאַנטען
און נאַטירליך ארעסטאַנטיי

IV.

אַ נ ע ן

אַ וועלט פון גראַפען און באַראָנען
גאַספּאַדינען, סערען, דאַנען
מיט טיטולען, דע'ען פאַנען
וועלכע שלינגען איין מיליאָנען
קען ניט לעבען אַהן קאַנאָנען
בליי און פולווער, מיט פאַטראָנען
רעוואָלווערען מיט פיסטאָנען
לוג בעטרוג, קאָרופּציאָנען
אַהן פערדומטע פרויען־נאַנען
פוסטע מאָדען, מיט פאַסאָנען.
און אַ וועלט פון רעליגיאָנען
סעקטען, שבות'ים נאַציאָנען
טערקען, גריכען און מאַרמאָנען
מוזען זיין אויך גארניזאָנען
רעגימענטען, באַטאַליאָנען
בונטען, רעוואָלוציאָנען
קסרים, בלוט־צאַפּערס, אויף טהראָנען,
וועלכע טראָגען גאָלד'נע קראָנען
הערשען, שרייבען פאַר זאַקאָנען
פאַר אַ וועלט מיט נאַציאָנען

שיקען אַן אויף זיי שפּיאָנען
און פערניכטען מיט קאַנאָנען
יעדען, וואָס איז פריי געזאָנען
אַ שאָד זיי, כ׳לעבען, צו דערמאָנען!

V.

אלען

אין אַ וועלט פון פעאָדאלען
מוזען זיין אויך פעלד־מאַרשאַלען
דומע, פאַלשע ליבעראַלען
מיט פערפוילטע ראַדיקאַלען
מענשען־קוילער — גענעראַלען
שלעכטע, בייזע, ווי שאַקאַלען
גוטע אידען — קאַרדינאַלען
שוואַרצע מוחות, קלעריקאַלען
וואָס בעגראָבען, פאַר מעטאַלען
פאַר טאָפּאַזען, מיט אָפּאַלען
קייטען, בראָשען, מיט קאַראַלען
גרויסע, עדלע אידעאַלען
וואָס פערדונקלען וואַהרהייטס שטראַהלען
צווינגען שוואַכע פרויען פאַלען
מענשען צו בעוואוינען שטאַהלען
צו פערקויפען זייערע וואַהלען
און פערשאַפען טרעהרענס קוואַלען
אַז ווערען זאָלען זיי צופאַלען!

VI.

איסטען

א וועלטעל פון קאַפּיטאַליסטען
מוז אויך האָבען אפּפּעריסטען
ווילדע גרויזאַמע עגאָאיסטען
פּרעדיגער עוואַנגעליסטען
בייטעל שניידער, מיט יוריסטען
מיט פּערקויפטע זשורנאַליסטען
גראָבען יונגען פּובליציסטען
און אַ וועלט פון אידען קריסטען
מחמד'אַנער, בודאיסטען
קאַטאָליקען — מעטהאָדיסטען
קאַפּוצינער מיט באַפּטיסטען
ראַסען פיינד, נאַציאָנאַליסטען
מוזען זיין אויך מאָנאַרכיסטען
מיט זשאַנדאַרמען, פּאָליציסטען
אויף צו מאַטערען בונדיסטען
עדלע היטץ קעפּ אַנאַרכיסטען
גרויסע מענער, אידעאַליסטען
פּאָלקס פערטרעטער־ניהיליסטען
פרייהייטס קעמפפער־טערראָריסטען
אָט די אַללע פּאָליציסטען
מיט די ווילדע מאָנאַרכיסטען
זאָל זיך לעבען שוין ניט גליסטען!

נאָר איך טרייסט זיך, וויל פון ווייטען
זעה איך דייטליך, שוין די צייטען
ווען פון אַלע אַטען־טאַטען
דעמאָקראַטען און מאַגנאַטען

קערקערס, טפיסות, קאַזאַמעטען
פון די אַללע אָטען־טאָטען
פון די רויבער, די דעספּאָטען
פון די תליות, עשאַפאָטען
פון די אַללע אַנטען־טאַנטען
בלינדע מענשען — איגנאָראַנטען
פון די מערדערס, אַרעסטאַנטען
פון די אַללע אָנען־נאָנען
פון די פירסטען די באַראָנען
פון די בלוטצאַפּערס, אויף טהראָנען
פון די אַלע — אַלען — ראַלען
גענעראַלען, פעלדמאַרשאַלען
פּאַראַזיטען־קאַרדינאַלען
פון די אללע אללע איסטען
מאָנאַרכיסטען פּאָליציסטען
אויסבייטער קאַפּיטאַליסטען
וועלט פערשלינגערס — עגאָאיסטען
מאַכען וועלען א סוף א וויסטען
קיינער ניט, — נאָר סאָציאַליסטען!!!

צווי שבחים צו גאָט

אין הויז ביי ר׳ חצקל איז פריילין און ליכטיג
עס וועט זיך היינט טהון, דאָרט, א שמחה די נאַכט
די צימערען זיינען פערפוצט, דאָרטען, פרעכטיג
חנוכת הבית ווערט דאָרטען געמאַכט

זיין ווייב שרה גיטעל, די פלונית׳טע ברייטע
איז מלא גדולה, אַ קליינינקייט דען ?
די פראָפּערטי, איז גאָט זיי דאַנק, שוין די צווייטע
איי, איי! וואָס דער ליעבענקער גאָטעניו קען

פאַר אַכט יאָהר צוריק, ערשט, געוועזען אביונים
זיין שרה איז געווען, ווי א שטעקעל נאָך דאַר
האָט קנעפּלעך גענעהט אין אַ שאָפּ צו תחתונים
און וואָס האָט זי דאַמאָלס געקריעגען דערפאַר ?

אַ קרענק מיינע שונאים, א מכה א גוטע
די באָנדלעך מיט אַרבייט געשלעפּט היין און הער
א כלל זיך געמוטשעט צום טויט, היינט א פשיטא
שוין חצקל, אַ סטאָליער א פראָסטער, ניט מעהר!

אין גאַס מיט זיין קלאַפּער געצייג איינגעבויגען
געשטאַנען פערזאָרגט, אויף אַ דזשאַבעל געוואָרט
אַ ניכטערען הערץ, מיט פערשלאָפענע אויגען
די ברוסט, איינגעפאַלען, פערגעלט און פערדאָרט.

נאָר וואָס איז צו רעדען ? אַז גאָטעניו ווילט זיך
איז פּטור איין עסק, און פרעג ניט קיין סך

עס הויבט אָן צו געהן, עס דרעהט זיך, עס מילט זיך
און האָסטו ניט, ווייסטו ניט, ווערט מען באַלד ראַך

געוואַלד! ווי אַזוי זשע? איז פרעג ניט קיין שאלות
דאַ העלפט ניט קיין חכמות, דאַ דאַרף מען קיין מיה
דאַ האָט מען אין דר'ערד, אלע טהייערע מעלות
דאָך סטייטש, היתכן? איז מזל רעד די!

וואָס פרעגט איהר נאַראַנעמלעך? וואָס איז דען שייך?
אַזוי אָט אָה, דרעהט ער זיין וועלטעל און פיהרט
קוים גיט ער מיר מזל, איז באַרג איך און לייה איך
אַ שווינדעל אַ כאַפּ, און עס געהט, ווי געשמירט

בקיצור אַ זאַך, שרה גיטעל איז פרעהליך
אין ריעל עסטייט איז היינט איהר חצקל אַ טויז
אין איסט בראָדוויי לעבט ער זיך, היינט, ווי אַ מלך
און פראַוועט חנוכת אין אַנדערען הויז

געלאַדען האָט חצקל, פיעל רייכע יאַהודים
עט, וויט, פון אַפּ־טאַון, צו דעם היינטיגען באַלל
זיין שרה און ער, טראַגען רייכע בגדים
און ס'גיסט זיך שאַמפּאַניער, אַזוי ווי אַ קוואַל!

פאר שמחה זאָגט יעצט, שרה גיטעל, מיט טרעהרען:
„געלויבט איז דער נאָמען, פון דעם, וועלכער האָט
געהאָלפען מיין מאַן, אַזאַ נגיד צו ווערען
איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר, געלויבט ביזטו גאָט!"

עט שפּעטליך, גאַנץ ווייט אין דער נאַכט, הערט מען קלינגען
באַקאַלען, מיט טהייערסטען ווין און שאַמפּיין
יאַ! אין צווייטען הויז, הערט זיך אַ שפּיעלען, אַ זינגען
און דאָרט אין דעם ערשטען הויז, קען מען יעצט זעהן

אַ טרויער, איין אָנמוטה, וואָס רייסט די נשמה
אין סטריט מיט איהר אָרימקייט, ליעגט דאָרט, אצינד
די עלענדע, קראַנקע אלמנה, נחמה
זי האַלט אין איהר שויס, איהר צוויי יעהריגעס קינד

און נעבען איהר, זיצען נאָך צוויי אין דער בלאָטע
די פּנים'לאַך קויטיג, פער'חושך'ט פערצוקט
אָט דאָ, ערשט ניט לאַנג — האָט געלעבט, זייער טאַטע
די מאַמע קוקט אָן די יתומים און קלאָגט

איהר ישראליק, פאַר איהר, וואָלט זיך דאַכט מיר,
געהאַנגען
אַ פיינטער געוועזן! — זיך געפּלאגט, טאָג און נאַכט
נאָ, איז ער איין מאָל, צו דער אַרבייט, געגאַנגען
און ק'ריק האָט מען איהם שוין, אַ טויטען געבראַכט!

און טאַקע אין די הייזער ביי חצקל, דעם בילדער
איז ישראל, אויפ'ן סקעפפאָלד, ווי שטענדיג ארויף
געאַרבייט, און פּלוצלינג א רעש, אַ געפּילדער!!
ער איז פון דעם סקעפּפאָלד אַראָב! — און אַ סוף!

אַ סוף איז געקומען, צום אָרעמען פאָטער,
וואָס האָט זיינע קליינינקע ווערים געשפּייזט,
געשטאָרבען, בעוויינט איהם, בעגראָבען און פּטור
דאָס הערץ ביי נחמה'ען, נאָר, ווערטאָגט און רייסט

יא! ס'רייסט און עס צופּעט און חצקל, דער עושר,
דער מאַן, ווענען גאָט האָט מיט מזל בעגליקט
דער געמיליכער האָט דאָס געהאָט אַזאַ יושר
און האָט איהר, צום מופען, אַ צעטעל געשיקט

דער ווינד און דער רעגען, בעגלייטען איהר קלאָגען
אין דרויסען איז פינסטער, שטאַרק קאַלט און אויך נאָס

אַהונד אויף דער גאַס, איז אַ צער, יעצט צו יאָגען
און זי מיט די עופה'לעך, ליעגען אין גאַס!

און ס'קלינגען אין טעלער די אָרעמע סענטען
פון אָרעמע מענשען, וואָס געהן פערביי,
נחמה, וועט נאָך אַמאָל, קענען באַלד רענטען
אַ פינסטערען קבר,זי אָטהעמט אויף פריי

און שטיל ווי אין אַ תפילה, פאַר דיזער ישועה
לויבט יעצט אויף, נחמה, דעם, וועלכער האָט
געשיקט צו איהר מכה, די קליינע רפואה
און זאָגט אויף: „איך דאַנק דיר, געלויבט ביזטו גאָט!!”

א וואויל ביסעל שנאפּס

א געשפּרעך צווישען צוויי אידען, איינער איז אַ גרינער, דער צווייטער אַ געלער, עטליכע חדשים נאָך דעם ערשטען קעשעניעווער פּאָגראָם.

א כלל, וואָס זשע הערט זיך? וואָס מאַכט איהר ר' קרוב
צו האָט איהר אַ גוטע נסיעה געהאַט?
אַ דאַנק פאר'ן לעבען, דעם השם יתברך
מיט שלעק, ניט פאַרזינדיגען, איז מען שוין זאַט

איך האָב אייער בריוועל מקבל געוועזען
עס וועט שוין אין דעם, א חדשים פיער זיין
איך האָב עס, מיט בלוט אין די אויגען געלעזען
א יעדעס וואָרט, איז מיר אין הערצען אריין

וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ווייסט איין גאָט דעם אמת
ווי ס'האָט מיר פערפינסטערט, פערביטערט מיין הערץ
עס האָט, אונז, אפילו ר' שימעלע טעמעם
נאָך פריהער דערציילט פון דעם ביטערען שמערץ

היינט איז וועגען דעם פיעל געשריעבען געוועזען
אין אידישע בלעטער בכלל, היינט בפרט
אין טאַגעבלאַט, וואהר גאָר אַ פחד צו לעזען
ווייל דאָס איז איין אמת'דיג אידישעם בלאַט

עס האָבען געריהרט זיך, ביי אונז, שיער די מוחות
זיך מאַהלען, דעם וועהטאָג, דעם אומגליק, דעם שרעק

דאָס אַלעס פערטראָגען זאָל גאָט שענקען כוחות
רחמנא ליצלן, ווען וועט נעהמען איין עק?

אוי, ווען וועט ער אויפהערען שיקען פון הימעל
רק גזירות אויף אונז? רק פורענית און לייד
צו מיינט ער עס גאָר, אַז דאס פעהלט אונז צום רימעל
געשטראָפט זאָל איך טאָטע ניט זיין פאַר די רעד!

סטייטש, סטייטש, אַזאַ אונגליק, אַזעלכע מורא'ות
אוי שומר ומציל זאָל גאָט פון זיי זיין
אַ קליינינקייט עפּעס! געריסען די תורות
די שמות געוואָרפען אין רינשטאָק אריין

היינט וואס האבען נעבעך נפשות געליטען?
מעוברת'ע ווייבער געריסען די בריסט
די בייכער געשפּאָלטען, די קינדער געשניטען
די ווינדען פערלעגט זיי, מיט שטיינער, מיט מיסט

וואָס ווייסט איהר ר' זרח? עס האָט דאָך משמעות
די ערד דאָ געציטערט, פון יענעם פּאָגראָם
עס האָבען גלחים, איך מיין קיין קאַטאָוועס
געמאַכט אזא ליאַרעם, אַזאַ טאַראַראַם

אַז ס'האָבען די שטיינער אין גאַס דאָ, געפּלאַטערט
זיי האָבען געזאָגט — ניקאָלאַיקע דעספּאָט
וועט מוזען, פאַר אַללע, וואָס האָבען גע'פּטר'ט
דאָס לעבען, דערלאַנגען אַ חשבון, פאַר גאָט

דער פּרעזידענט *) אונזערער האָט צו דעם קיסר
אַ מוסר געשיקט, גלייך אין פּאַלאַץ, אריין
און האָט אויף אַ באַלל, אין אַ דרשה, אַ הייסער,
געזאָגט, אַז אַזאַ מערדעריי, איז ניט פיין

*) פּרעזידענט רוזוועלט.

„ביי מענשען צו שטערען אַ מקום מנוחה?
צי מערדערין פריעדליכע בירגער, גאַנץ פריי?"
האָט ער אַ געשריי געטהאָן, איז אַ רציחה
פע! ! שעהמען בעדאַרף ער זיך, דער ניקאָלאַי!

פערשטעהט איהר, ר' זרח? דאָס איז קיין קאַטאָוועס
אַמעריקעס קויפט איהר ניט, דריי פאַר אַ סענט!
היינט מעג איך פערמאָגען, פון אַללע נדבות,
וואָס זיינען ארוים פון אונז, נאָר דעם פראָצענט

בקיצור, עס האָט דאָ געמאַכט אַזא רושם
אַז ס'האָט זיך געקאָכט דאָ, ביי טאָג און ביינאַכט
מען האָט אין די שוהלען פאַר אַלע קדושים
געוואַלדיגע וואָזשנע הספדים געמאַכט

מען האָט אויך געשפּיעלט, אין טריאַטער דעם חורבן
דאָס אַנקוקען זיינען געלאָפען זעהר פיעל
מען האָט דאָרט געוויזען דעם שמש דעם קרבן,
וואס האט זיך דאָרט, מקריב געוועזען אין שיהל

מחשבות'ן, אָבער ניט דאָס בין איך אויסען
איהר שרייבט אין דעם בריעף, און איהר קלאָגט זיך פאַר מיר
אַז אין דעם פּאָגראָם, אין דעם אומגליק דעם גרויסען
האָט איהר אויך פערלוירען אייער מיטעלסטע שנור

דער מאַן איז געבליעבען מיט פיער קליינע קינדער
נאָר איהר זיינט שוין מוחל דעם ביטערען צער
ניט מעהרער — עס איז אייך, נאָר איין זאַך אַ וואונדער
וואָס גאָט ברוך הוא שווייגט גאָר די רצחים דערפאַר

אוי, ליעבער ר' זרח, זעהט, האָט קיין פעריבעל
דאָס האָב איך זיך, כ'לעבען, אויף אייך ניט גערעכט

אפילו להבדיל די גוי'אישע ביבעל
זאָגט אויך, אַז אַלסדינג, וואָס ער טהוט, איז ניט שלעכט

אויך זי זאָגט, אַז ס'איז איין עברה צו פרעגען
ביי גאָט ברוך הוא קשיות, דען אַלץ, וואָס ער טהוט
דאַרף יעדער מיט גאָלד גלייך, אין הערצען צו וויגען
און זאָגען: קוים טהוט ער, מסתמא איז עס גוט

ער שטראָפט ניט די רוצחים? דאָס איז אייך אַ וואונדער?
טאָ הערט זשע, זייט מוחל איין אַנדער מין ליעד
מיר האָט מען גע'הרג'עט צוויי טהייערע קינדער
און דוקא קיין שונא ישראל, נאָר אַ איד

אַ איד, יאָ! איין אמת'ער איד, א מיוחס
א גבאי אין אַ טעמפעל, ביי אונז אין אָפּ־טאָון
(דאָס איז אַזאַ געגענד, צו אַלערליי רוחות)
צו איהם זענען דאָס, מיינע קינדער אראן

צו אַרבייטען אין זיינע סקלאַדען און קראָמען
דאָס עלטערע אַ מעדעל, קוים זעכצעהן יאָהר אַלט
צוויי קינדערלעך שעהנע, ווי צוויי שעהנע בלומען
נאָר עדעלע, נעבעך, פון שוואַכען געשטאַלט

וואָס זאָג איך נאָך נעבעך? אַ קלאָג צו מיין לעבען
זיי זיינען שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט
דעם באַי האָט ער זיעבען דאָלאַרעס געגעבען
אַ יעדע צוויי וואָכען, און האָט פאַר דעם געלד

מיין איינציגען קדיש אין קבר פערטריעבען
עס האָט איהם, אַ ראָד פון מאַשינע געפּאַקט
די וואַלצען, די רעדער, זיי האָבען צוריבען
זיין קערפּערעל נעבעך, צוברעקעלט, צוהאַקט

מען האָט קוים, די ביינדלעך, צוזאַמען געקליבען
עס איז ניט געווען, וואָס מקבר צו זיין
מיין טעכטערעל, איז מיר אַ טרייסט נאָך געבליעבען,
נאָר באַלד איז זי אויך, אין איין אונגליק אריין

אַ זוהן דעם בעל הבית, איז געווען איהר ראַזבויניק
גע'הרג'עט האט ער זי. אוי ווינד איז צו מיר
ער האָט זי, פערזונגליקט דער ימח שמו'ניק
פערשפּראָכען מקדש צו זיין זיך, מיט איהר

און ווי נאָר ער האָט זיך, זיין הונדישע תאוה
געזעטיגט (דאָס אַלעס, וואָס ער האָט געציעלט)
האָט ער זי פערטריעבען, מיין טייערע חוה
און זי נעבעך, באַלד, ווי זי האָט זיך דערפיהלט

אַז אַט ווערט זי מוטער, נו האָט זי פאַר בושה
גע'סם'ט זיך, צו לעשען איהר וועהטאָג, איהר שמערץ
געשטאָרבען מיין פייגעלע, און האָט אַ ירושה
געלאָזט מיר אַ וואונד מיט אַ שאַנד אין מיין הערץ

זי האָט זיך ביי מיר אויפ'ן האַלדז אויפגעהאַנגען
און מיך און די מוטער געקושט אָהן אַ שיעור
געבעטען מען זאָל איהר אַ סידור דערלאַנגען
געהייסען מיר זאָגען נאָך ודוי מיט איהר

עס האָט איהר נשמה, ווי אַ ליכט שוין געצאַנקען
און זי האָט געראַמט מיר אין אויער אריין
געוועזן זענען, טאַטעניו, מיינע געדאַנקען
איין עהרליכע כשר'ע מאַמע צו זיין

געשריען האט זי, מיט אַ ביטער רחמנות!
פאַר וואָס זאָל איך געהן, אַזוי יונג פון דער וועלט?

אוי ראַטעוועט מיך! אוי איך בין אין סכנות
זאָגט תהלים, רייסט קברים, לויפט מעסטען דאָס פעלד!

און זאָגענדיג דאָס, האָט זי קוים שוין געזיפּעט
מיין שייפעלע אָרעמס — ביז האַלב צוויי ביינאַכט,
אַזוי ווי אַ געקוילעטע טויב זיך געטריפּעט
און פּלוצלונג, אויף אייביג די אויגען, פערמאַכט

גע'הרג'עט האָט ער זי, נאָר ער, ווייטער קיינער
געקוילעט גאָר אָהן א שום חלף און שווערד
אוי, זיין זאָל דעם טאַטען פאַר זייערע ביינער
וואָס פוילען עס נעבאַך, אַזוי יונג אין דר'ערד!

איך בין צו דעם כופר בעיקר געלאָפען
באַלד נאָך דעם, ווי ס'זיינען די שלשים אַוועק
זיין פאַטער אליין, האָב איך דאָרטען געטראָפען
איהם האָב איך גענומען דערציילען מיט שרעק

מיין ביטערען מעמד, איהם מאָהלען, ערקלעהרען
און וויינען און קלאָגען פאַר איהם אָהן אַ שיעור
ווי מיינט איהר עס וויינען? מיט בלוט, ניט מיט טרעהרען
און ער האָט מיט כעס מיר געוויזען די טהיר

גענומען מיך זידלען, און שעלטען און טרייבען,
איך האָב זיך פון בענקעל געגעבען אַ הויב
און ער האָט גענומען די קולאַקעס רייבען
און שטשירען די צייהן, אַקוראַט, ווי אַ לייב

איהר זיינט ליעבער הערר, דאָך אַ איש תם וישר
האָב איך איהם גע'מוסר'ט, סטייטש, גאָט איז מיט אייך
איהר האַלט דאָך פון אידישקייט, נסך און כשר
צו איז דאָס אַ יושר, צו טהאָן אַזאַ זאַך?

איהר קענט מיר די קינדער ניט לעבעדיג מאַכען
איהר זיינט נאָר זייער מלאך המות געווען
מיין קדיש׳ל, האט איהר געצוואונגען צו זאָכען,
צו וועלכע ער איז נאָך געוועזען צו קליין

און זי האָט, דאָס זינדעלע אייערס, בעגראָבען,
דאָ האָט ער געגעבען אַ ווילדען געשריי:
„אַה, אַה! איך פערשטעה שוין, וואָס איהר ווילט דאָ האָבען
איך לעז עס ביי אייך אויף׳ן שטערן. איך זעה!!

פאר דעמעדזשעס לאָדען, דאָס הייסט פאַר הוצאות
עס האָט מיר אין הערצען געגעבען אַ קלאַפּ.
איהר שיקט אונז אליין צו, די טעכטער, משמעות,
כדי, אונז צו קענען פערדרעהען אַ קאָפּ

ווער האָט איהר געהייסען מיין זוהן, זיך פערקויפען?
צו זיינען ביי אונז דען, קיין גאַסען פּאַראַן?
ווי מיידלעך, וואָס האַנדלען מיט זיך, קענען לויפען?
וואָס האט זי געוואָלט דען? מיין זוהן פאר אַ מאַן?

אַ גאַנץ שעהנער שידוך, איך דאַנק אייך מחותן
אַ טאָכטער, אַ מויד, פון דעם שענדליכסטען סאָרט
איהר זאָלט מיר ניט וואַגען מעהר מאַכען וויזיטען
איהר הערט וואָס איך זאָג? אַלזאָ פאָרט פון היער, פאָרט!

איך האָב אויף מיין לעבען, קיין פליעג ניט צוטראָטען
נאָר דאָס מאָל, בין איך זיך, מתודה, פאַר אייך
האָב איך אַ מחשבה געהאַט איהם צו טויטען
איך האָב זיך געגעבען אַ לאָז צו איהם, גלייך

כ׳בין דאַמאָלס געוואָרען אַ רעגולאַר טיגער
נאָר איידער איך האָב זיך זאַמירעט אויף קלעפּ

איז אונטער געלאָפּען זיין דיענער — א ניגער
און האָט מיך אַרונטער געשמיצט פון די טרעפּ

נו, מילא נו! וואָס איז דען שייך ר' קרוב?
נאָר איין גאָט דער ליעבער, האָט דאַמאָלס געזעהן,
וואָס ס'האָט זיך געטהאָן אין מיין הארץ, איך בין ערוב,
אַז ס'האָבען די הימלען געהערט מיין געוויין

פון גרוים עגמות נפש בין איך אין א טיפעס
געלעגען אַ חודש לאַנג, אין אַ שפּיטאָל
היינט פרעג איך אייך, קען עס שוין זיין א חריפות
וואָס גאָט ברוך הוא צאָהלט ניט די שונאי ישראל?

אָט געהט פאַר טשיקאַוועס און קוקט אָן דעם גבאי
יום כפור, ווי ערנסט, ער דאַווענט אין שוהל
ער פאַסט און ער בעט נאָך, ביי גאָט עולם הבא
און פועל'ט, ווי עס ווייזט אוים, ביי איהם, זעהר פיעל

פרנסה, געזונד, מיט אַ גאַנצען ים ברכות
און ס'כאַפּט איהם, קיין פינסטערער יאָהר ניט קיין קראַם
עס פעהלט איהם ניט מעהר, ווי מאַיאָווע קדחות
און איז זיך אַ גאַנצינקער יאַ טעבע דאַם!

היינט קענט איהר דערגעהן שוין אַ טאָלק, אין גאָט'ס מעשים?
ווער קען עס די דרכים, פון איהם גאָר פערשטעהן?
צו טאָר מען דען צערנען און ברענק אין כעס איהם?
צו טאָר מען גאָר וועלען זיין הויכקייט דערגעהן?

מיין אינגערער שוואָגער אפילו, מיין חאַצקעל,
ער האָט זיך דערויף גאָר אַן אַנדער מין פּשט

איהר קענט דאָך איהם נאָך פון דער היים, פאַר א
געוואָרען איז ער אָבער דאָ, פון די לייט משכיל

וואָס זיינען אביסעל געכאַפּט אין דער מעשה
ניט אויסגערעדט זיין זאָל עס — אַ ציציליסט
מיט היינטיגע חכמות, מיט שאַנסע־באַלאַנסע
פּיליטיק־שמיליטיק. אַ גאַנצער יוריסט!

אַז באשר וואָס איז? ס'איז שוין צייט, אַז די מענשען
זיי זאָלען שוין אָנהויבען וויסען פערשטעהן
אַז מופתים, און וואונדער, און פאַסטען און בענשען
איז באַבסקע־קאַזאַלעס — מען דאַרף נאָר אליין

ניט זיין קיין באַלוואַנעס און לערנען שטודירען,
אַז שולדיג אין דעם איז ניט גאָט, נאָר מען דאַרף
ווי זאָגט ער עס דאָרטען? דיבאַטע מינסטרירען,
אַז אסור צו קען איך דאָס אויסרעדען שאַרף

בקיצור א מעשה מען דאַרף זעהן צו מאַכען
איין אַנדער פּאַראַנדעק ביי אונז אויף דער וועלט
דאַן וועט מען זיין גליקלאַך אין לעבען און לאַכען,
ווייל אַלע די צרות — זיי קומען פון געלד

עס זאָלען ניט זיין קיין אביונים, קיין רייכע
ניט איינעם צו גוט, און דעם צווייטען צו שלעכט
איעדער זאָל האָבען אַ דעה א גלייכע
עס זאָלען ניט געבען קיין הערשער, קיין קנעכט

ס'איז יאָ, ווי מען זאָגט: „גראָם שטראָם, מאַך מיר א
לעטניק!"
הערט, הערט כאַטש אַ שכל, וואָס מענשען פאַלט איין
אַז איינער איז דאָקטאָר — דער צווייטער קאַרעטניק
טאָ זאָלען זיי ביידע חברים גאָר זיין

און טאָמער פערלאָזט מען זיך, זאָגט ער, אויף נסים,
וועט קיינער פון נויטה, קיין מאָל, ווערען בעשיצט
נאָר וויים איך! דאָס אלעס, פערשטעהט איהר, איז שטותים!
פון קעפּלעך, וואָס ווערען שטארק איבערגעשפּיצט

ס'איז לאָשעקעס ווילדע, וואָס דארפען א ציימעל
אַז גאָט האָט אזוי זיך, זיין שטייגער געשטעלט
טאָ ווילען זיי איהם גאָר, צונעהמען דאָס קרעמעל
און איינפיהרען גאָר א קאַפּויערע וועלט

די בייזע מחשבות, מאכט אָן דאס שטודירען
די חברה לייט חקירה'ן אזוי לאנג און ברייט,
ביזוואנען עס מישען זיך אוים די געהירען
דער מוח, רחמנא ליצלן, ווערט צודרעהט

פערשטעהט איהר מיך, גאָט אונזער פאָטער אין הימעל
ער האלט זיך, זיין קריידעל, בעשטענדיג אין האנד
ער מעקט זיך, און קלעקט זיך, ווי איהם פּאַסט צום רימעל
און שמעקט איך ניט פעטער? איז רעד צו דער וואנד!

קיין קשיות, פערשטעהט איהר מיך, טאָר מען ניט פרעגען
ער טוט, ווי ער וויל, וויל ער גוט — וויל ער שלעכט
און ווי איהר זאָלט חכמה'ן זיך, מעסטען און וועגען
בלייבט ער אין זיין משפט, בעשטענדיג גערעכט

מען האָט אייך דער'הרג'עט א שנור? צו א קרובה?
טאָ הערט זשע אוים קרוב, וואָס איך היים, אייך טהון
ווישט אָב אייך דאָס מויל, און זאָגט גם זו לטובה
דען וויל ער? בעגראָבט ער אייך, מאָרגען, דעם זוהן!

א כלל, נו גענוג שוין, די צרות דערמאָנען
און זאָל זיך די ערד שוין, פערשליסען מיט זיי
סיי, רחל'ע ריהר זיך, נו! גיך, ניט געשטאָנען
דערלאַנג אונז אַ פלעשעל, מיט גלעזעלעך צוויי

אַזוי אַט אַזוי! אה! וואָס זעה איך? ר' שעבסעל?
ס'איז מיינער אַ שכן, ר' זרח, אַ פריינד
לחיים רבותי! נו נעהמט, נעהמט א שנעפּסעל
וועל, נאָר ניט געזאָרגט זיך, מיין פריינד, נעווער מיינד!

אם ירצה השם, מאָרגען נאָך מיטאָג, באַלד פאָהר איך
קיין בראָנזוויל, מיט אייך צו ר' יענקעלע טאַבּס
נו, וואָס זשע, פערבייסט איהר ניט עפּעס? ר' זרח!
אוי! אוי! ס'איז אַ טהייער, א וואויל ביסעל שנאַפּס!!

פערצווייפעלט

איי גלויבט מיר, איך ווייס, אז פראפעסארס, דאקטוירים
געבילדעטע מענשען, וואס זיינען דאך בלינד.
דאס זיינען נאר שעהן, דרעסערירטע המורים
און דאס איז, ווייל נאך אין דער יוגענד, אלס קינד

האט יעדער פון זיי, אזא בילדונג גענאסען,
וואס האט זיי פון אויבען נאר, אבגעפאלירט
מיט זיסען געשמאקע פערפיומען בעגאסען
מיט עדלע, געצאצקעטע מדות, בעציהרט

דאס הערץ אבער? דאס איז געבליעבען פערפרוירען
און לעדיג דער קאפ, ווי א לעדיגעם פאס
זיי האבען דאס ליכט פון די אויגען פערלוירען
און געהן ארום, ווי די בלינדע אין גאס

זיי זעהן די זונן, נאר זיי זעהן די שיין ניט
זיי זיינען געשייט, און דאך דום, ווי די נאכט
און רעדט ווער פון אמת צו זיי, און ער טענה'ט
ווערט ער, פון זיי, ווי א בעל חלום בעטראכט

איהר וועט מיר דאריבער קיין נייעס ענטדעקען
ווען איהר וועט מיר מעלדען, אז באלד וועט די וועלט
דעם אמת, פון דרימעל, פון לאנגען ערוועקען
און שקר וועט ווערען, צום שאנדקלאץ, געשטעלט

און דאס וועט געשעהן, ווען די מענשהייט וועט
קריגען

אַ בילדונג, וואָס וועט ניט זיין פאַלש און מאַסקירט
און דאַן וועט בעקעמפּפען, די וועלט, און בעזיעגען,
דאָס שלעכטע, וואָס מאַכט אונז, פערצווייפעלט,
פערווירט

און דאַן? דאַן איין ענדע צום ליידען און שמאַכטען!
פערוואַנדעלט וועט ווערען די פינסטערע וועלט
אין דעם, וואָס מען רופט אַן גן־עדן התחתון
און שוין! נאָר געלעבט, און געלאַכט און געקוועלט!!

רבותי! איך גלויב אויך באמונה שלמה
אַז אַלעס וועט טאַקע אָט אַזוי אַ, געשעהן
און דאָך פאַלט אויף מיר אַן גאַנץ אָפּט אַזאַ אימה,
דאָך ווער איך פערצווייפעלט און פרעג זיך אליין

איז מעגליך, אַז ערגעץ וואו, לעבט פאַרט, אַ וועזען?
אַזאַ מין געהיימע, אַ'ן הימלישע מאַכט?
וואָס וועט די פּראָבלעמאַ, די גרויסע אויפלעזען
פערוואַנדלען אין טאָג, אָט די אייביגע נאַכט?

די נאַכט פון ניט וויסען, וואָס הערשט אויפ'ן קוגעל,
וואָס מאַכט פון דער וועלט, אַזאַ ווילדען תהום?
וועט זי פּילייכט שיקען אַ שרעקליכען האָגעל
און וועט יעדען טייך, יעדען קוואַל, יעדען ים

בעפעהלען זיי זאָלען מיט רויך געדיכטען
מיט שטורם, מיט דונער, מיט בליץ און וואולקאַן
צוזאַמען זיך נעהמען און זאָלען פערניכטען,
אַלסדינג וואָס עס לעבט, און בעוועגט זיך, און דאַן!

דאַן מאַכען אַ פּלאַן, פון אַ נייע פּלאַנעטע
ווי ס'זאָל מעהר ניט הערשען קיין אייביגע נאַכט,
ווי ס'זאָלען ניט לעבען צוויי זאַטע און פעטע
און טויזענדער הונגעריג, מיעד, און פערשמאַכט

ווי ס׳זאָלען ניט געבען קיין קירכען, קיין שוהלען,
ווי יעדער זאָל האבען זיין טעמפעל אין הערץ
די הערצער, זיי זאָלען זיין ווארעמע און פיהלען
זיין חבר׳ס פערלאנג, זיין נאַטירליכען שמערץ

קען דאָס זיך מסתמא זיין? קען דאָס פאַסירען?
צו אפשר קען זיין, אַז עס מוז, דורך צוואַנג
אויף אייביג די וועלט, שוין אַזוי עקזיסטירען?
עס איז דאָך בעוואוסט שוין איהר אייביגער גאַנג

פיעלייכט האָט די קראַפט, וואָס מען רופט זי אָן בורא
נאָר איין מאָל געקענט, פון דער ריעזען מאַשין
אַ דרעה טהאָן די ראָד, און אַצינד, האָט ער מורא
צו פרובען, זי שטעלען — היינט וואָס זאָל ער טון?

דאָס ריעזיגע ווערק געהט ניט ריכטיג, — דאָס זעהט ער
נאָר פרובט ער עס אָבשטעלען — ווערט עס אין גאַנג
פערניכטען זיין וועזען — אַ מאַכטלאָזער שטעהט ער
און קען זיך ניט העלפען. — עס טהוט איהם שוין באַנג

וואָס ער האָט די וואונדער מאַשינע, בעשאַפען
און איהם בלייבט נאָר איבער, פון וויטען צו שטעהן,
און ווערען פערוואונדערט, און שטוינען, און גאפען,
אויף דעם, וואָס ער האָט אין זיין שעפפונג דערזעהן

און האָט ער פיעלייכט גאָר, בכיון, דאָס אַלעס
געבוירען אַזוי, און אַזוי דאַרף עס זיין?
פיעלייכט זיינען אַלע חסרונות, גאָר מעלות?
איז אפשר, דער אנגסט, און דער שרעק, און דער פיין

פערשוועמונגען, ערדציטערניש, און וואולקאַנען
אַזאַ מאַטעריאַל, אַזאַ שטאָף, אַזאַ מין

וואָס זענען, צוזאַמען מיטווילדע טיראַנען
גאָר נויטיג, צו טרייבען, די וואונדער מאַשין ?

איז אפשר אַ יעטווידער טרעהר, אַ שרייפעל ?
אַ נויטיגער חלק פון דיעזען תהום ?
ליעגט אפשר אין מענשען געוויסע, אַ טייפעל,
וואָס צווינגט זיי צו שפּייען, מיט פייער און סם ?

איז אפשר אַ סברה, אַז בלוט, מוז מען גיסען
און עופה'לאַך ווארגען, און רייסען אין צווייען ?
מוז אפשר, ווי בוים אייל, פיעל טרעהרען פליסען
כדי, די מאַשין, זאָל אימשטאַנד זיין, צו געהן ?

איז מעגליך, פיעלייכט, אַז אָהן ווילדע מלחמות
אָהן עלענד, אָהן צרות, אָהן דחקות, אָהן נויט,
וואָלט אפשר דער מענש ניט געוואוסט פון נחמות ?
וואָלט אפשר אָהן בלוט ניט געוואַקסען קיין ברויט ?

איין אמת'ע בילדונג, זאָגט איהר, דאַרף מען געבען ?
איעדער זאָל קענען דעם אמת דערזעהן ?
און דאַן וועט די מענשהייט ערוואַכען צום שטרעבען?
און איך ציה די פּלייצעס, און פרעג זיך אליין

ווי קלוג דאַרף מען זיין, אויף צו וועלען געניסען ?
ווי שאַרפזינניג זיין, אויף צו גלסוטען נאָך ברויט ?
צו קענען בעגרייפען פון ביטער, ביז זיסען
פון לעבען, ביז פיהלען דעם טעם, פון דעם טויט ?

פון גראָבען, ביז עדלען, פון גוטען ביז שלעכטען ?
ווי דאַרף מען עם קלוג זיין, דעם חלוק צו זעהן
פון שולדיגען, בייזען, ביז גוטען גערעכטען ?
פון הויך און פון גרויס, ביז צו ניעדריג, קליין ?

איהר זאָגט מיר צו גליקען, דורך גוטעס ערציהען
אַז אמת'ע בילדונג. וועט טוידטען דאָס שלעכטס?
אַז דאַן וועט דאָס גוטע נאָר וואַקסען און בליהען
מען וועט מעהר ניט הערען, קיין זיפץ און קיין קרעכץ?

רבותי! הלואי זאָלט איהר זיין די גערעכטע
אוי! איך אָבער זיץ אין איין פחד און שרעק
מיר דאַכט זיך גאָר אָפט, אַז דאָס בייזע דאָס שלעכטע
וועט קיין מאָל ניט, אייביג ניט נעהמען קיין עק!

דערוויילע זעה איך פיעל געלעהרטע אַטעאיסטען,
און גרויסע געלעהרטע, וואָס בעטען צו גאָט
איך זעה אַ סך עהרליכע אידעאַליסטען
וואָס ווילען פערניכטען די שאַנדע און שפּאָט

וואָס הערשט אויף דער וועלט, און זיי קעמפּפען, ווי לייבען
און סוף כל סוף, פאַלען זיי אום אין דער שלאכט
איין ענדלאָזעס קעמפּפען זעה איך, אין אַ שטרעבען,
און דאָך איז ניט טאָג נאָך! אַלץ פינסטער, אַלץ נאַכט!!

מיין קאָפּ, ווערט מיר שיעור ניט, אין שטיקער צו־טראָגען
ווי ווערט מען, קלעהר איך, פון דעם גהינום, שוין פריי?
עס קלינגט מיר אין אויער, נאָר יאָמערען, קלאָגען,
עס שטיקט מיר אין האַלדז, רק נאָר פולווער און בליי

עס רייסט ווי אַ ווינד, מיר, אַ טיעפע, אין הערצען
עס שוועבט פאָר די אויגען נאָר בעזעס, נאָר שלעכטס
איך זעה, ווי מען שווימט אום, אין וועהטאָגען, שמערצען
איך הער, ווי מען גיט ניט, קיין לאַך אָחן אַ קרעכץ.

איז דאָ ווי אַ גאָט? טאָ ווי קען ער עס שווייגען?
פערמאָגט ער אין אמת, אַ גרענצלאָזע מאַכט?
טאָ זאָל ער געברויכען זי, זאָל ער זי צייגען
אַ זאָג טהאָן זאָל ער: „יהי אור!” און אוים נאַכט

אוים נאַכט זאָל עס ווערען! — זאָל אָנהויבען טאָגען
און האָט ער נים? וויל ער נים? — העלפט נים קיין שטרייט!
דאן מוז מען געדולדיג דאָס אַלעם ערטראָגען
און זיין צו דעם אַלערליי בייזען, בערייט

און איז גאַר זיין ווילען, דערביי נים פאַראַנען?
צו וויל ער, מיר זאָלען זיך העלפען אליין?
טאָ, ווען וועט ערוואַכען דער מענש, און ביז וואַנען,
וועט ער, ווי אַ נאַרר, אין דער פינסטער אום געהן?

מיט אָפענע אויגען, ווי לאַנג וועט ער טאַפּען
די ווענד, אין דער זיסער, דער ברענענדער שיין?
ווי לאַנג וועט ער דאַווענען, בעטען און קלאַפּען
על חטא, אין צובראָכענעם האַרצען אריין?

ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג נאָך? פרעג איך אַלץ כסדר,
קיין איינציגע זעעלע, אָבער ענטפערט נים מיר!
נאָר איינע, וואס פיהלט מיט מיר מיט איז די פיידער!
איך הער ווי זי קרעכצט, ווען זי ריהרט דאָס פּאַפּיער.

כ׳בין ערוב — ר׳ קרוב

(פריי נאָך הערבערט קעססאָן)

איך בין אַ הייסער סאָציאַליסט
און בלייב עס, ביז אין טויט כ׳בין ערוב
ווייל כ׳קען ניט זעהן
ווי איהר אליין
פּגר׳ט פאַר אַ ברויט ר׳ קרוב

כאָטש ביי מאָטיע בער׳ן — כ׳ווייס
ארבייט איהר, ווי א פערד כ׳בין ערוב,
וועהרענד ער
ר׳ מאָטיע בער
האט אייך, טיעף אין דר׳ערד ר׳ קרוב

פון אייער פּראַצע לעבט ער שעהן
אונד אין אלע בענק, כ׳בין ערוב
האָט ער זעק
מיט טאָלערס פּעק
און איהר? אַ גוטע קרענק — ר׳ קרוב

סאָציאַליזמוס ליעבער פריינד
איז א וואוילער פּלאַן כ׳בין ערוב
צו מאַכען אוים
פון קליין און גרוים
פון גביר און אָרעמאַן ר׳ קרוב

עס וועט זיין איין אַנטיק צו זעהן,
ווי ס׳לעבען, וועט זיין ליעב כ׳בין ערוב
ווי נחת פרייד
געזונדערהייט
וועט זיין אין יעדען׳ס שטוב ר׳ קרוב

טאָ ווערט זשע אויך אַ סאָציאַליסט
כ׳לעבען ס׳איז זעהר פיין, כ׳בין ערוב
כאָטש ס׳איז דערווייל
נאָך ניט אין סטייל
ס׳וועט אבער שפּעטער זיין ר׳ קרוב

א בעל עגלה'שע מחשבה

עט! טפּררררו, וואוהין קריכסטו? דו סטערווע פּאַגאַנע?
פּאַוואָליע! וואוהין שלעפּסטו? איי, געה מיר אין
דר'ערד!
כ'האָב שטענדיג צו טהון, מיט דעם פוילען באָלאַנע
אַ גאַנצער בעל חכם איז ער מיר, דער פערד!

צודאַרט, און צוקוואַרט, ווי אַ הונד, אַזאַ פּאַדלע
און שטענדיג בעווייזט ער נאָר, חפצות און שטיק
כאַטש האַק איהם, מיט האַמערם, אַזוי ווי אַ קאָוואַדלע,
דאָך ווייזט ער דיר קינצעלעך. איך, אָבער פליק!

איך קוק אויף קיין גליקען איך ממית, איך מזיק
זאָגט אייזיק צו הערשקען, וואָס זיצט ביי דער זייט
און רוהיג פערדרויכערט זיין ליולקע זיך אייזיק
אויך הערשקע פערדרויכערט, זיי שוויגען אַ צייט

עי! הערשקע! שרייט פּלוצלינג אוים אייזיק, צו
האָרכסטו?
איך וויל דיר וואָס זאָגען. אַ גוטער געדאַנק
טאָ האָרך זשע! וואָס איז דיר? דו שלאָפסט גאָר?
וואָס שנאָרכסטו?
דו ווייסט דאָך, אַז סערקע, מיין אשתי, איז קראַנק

זאָל גאָט איהר אַ גוטע רפואה שלמה
באמת בעשערען, ווי אמת איך טראַכט

בעטראַכט נאָר גוט, קלעהר איך, וואָס הייסט א בהמה
דאָס מיין איך, מיין פערד, אַ מאַכינע, מיר דאַכט

פיער פיס, ווי די קלעצער, געזונטע און גראָבע
ווי לוימיג ער איז, ווען ער גיט מיר, אַ בריק,
וואָלט איך דאָך, אין חלום, דערזעהן די באָבע
ער וואָלט דאָך מיך, פשוט, צוריבען אויף שטיק

נאָר גאָר ניט! אַ פערד בלייבט בהמה, און פטור!
איך שלאָג, און ער ריהרט מיר אפילו קיין האָאָר
ער בריקעט, און איך הער איהם, פונקט, ווי דעם קאָטער
און גאָרניט! געה לאָד מיך, ער שלעפט, און איך פאָר!

איז וואָס זשע? פרעגט הערשקע, איז דאָס פאַר אַ נייעם?
וואָס איז דאָס אַזוינס, פאַר אַ וואונדער ביי דיר?
אַ פערד איז בעשאַפען דערצו, קיין אחריות!
עס וועט איהם, חלילה, ניט שאַדען, גלויב מיר!

פערשטעהסטו זאָגט אייזיק, ניט דאָס בין איך אויסען,
עס איז מיר זייט לאַנג, אַ מחשבה אריין,
אַז צווישען דעם אביון און נגיד, דעם גרויסען
מוז אויך פונקט, די זעלבע קאָמעדיע זיין

אַט צווישען זיי ביידע, איז די זעלביגע מעשה
דער עושר, דער נגיד, ער האָט זיך אלדינג
מיט הכל שבהכל, די גאַנצע באַלאַנסע
דאָס מיין איך די באָמבע, און עס לעבט זיך איהם גרינג

און פרעג כאָטש פאַר וואָס? אה? ווייסט איהם אַ כאָליעריע!
ער טויג דען צו עפעס, חוץ לעזען אַ בלאַט?

און ער איז אַ מאַכער, אַ שרעקליכער בריה
אַ יאַ־טעביע־דאַס׳ניק אַ גאַנצער, אַ כוואַט!

ווער האַקט אוים די בוימער? די הויכע טאָפּאָליעס?
ווער לייגט אוים די רעלצעס אויף טויזענד ווערסט,
ווייט?
ווער טראָגט אויף די לאַפּעס, צוהאַקטע מאַזאָליעס?
אַלץ מיר, די קבצנים, די אָרימע לייט

וואָלסט נעכטען בעדאַרפט זיין אין שטעדטעל
„פּאַפּאָווקע״
האָט ער, פון אַמעריקאַ, ס׳יודעל... דער... מייק!
געפּרובט דאָרטען מאַכען, אַ שטיק זאַבאַסטאָווקע,
ווי הייסט עס, ביי זיי, אין אַמעריקאַ? אַ... סטרייק!

נאַ, נאַ, גוטער ברודער, וואָלסטו בעדאַרפט קוקען,
ווי ס׳האַט איהם, דער פּריסטאַוו, געגעבען אַ כאַפּ
אַ וואַליע געטהאָן, און גענומען איהם רוקען
די ראָזגעס אין הינטען, היינט יאַשקע קאַצאַפּ

איהם האָט מען אין קאַרצער, צובלוטיגט, צושלאָגען
און דער פאַבריקאַנטשיק, אַז כאַפּט איהם די בראַנד
ער האָט איהם גענומען נאָך מוסר צו זאָגען
און ס׳האַט זיך, ביי קיינעם, געהויבען קיין האַנד

די ארבייטער זיינען, אַזוי ווי אַ גולם
געשטאַנען און האָבען מיט פּחד געקוקט
נו, פרעג איך, צו וואָלט אַזאַ מחנה, אַזאַ׳ן עולם
דעם פריסטאַוו מיט אַללע, ניט אפשר דערשטיקט

ווען זיי וואָלטען האָבען אַ קאַפּעטשקע שכל
און וואָלטען זיך אַלע געגעבען אַ שטעל

נאָר שריי חי וקים, אַז דאָ אין דעם מוח'על
פערשטעהסטו מיך, ריהרט זיך דער מאָזג, ניט פון שווַעל

אַט פונקט, ווי ביים פערדעל, ביי מיינעם, דעם סאמע
נו, טראַכט זיך דער נגיד, געהט לאָדט מיך, און גאָר!
איהר האָט ניט קיין שכל? טאָ קייעט סאַלאָמע
א דאגה מיין באָבען. איהר שלעפט, און איך פאָהר!



היתכן, וואס הייסט דאס?

צווישען אונז גערעדט, מיין בורא,
ווייסטו דאָך, אַז כאָטש איך בין
עהרליך, פרום, היט אָב דיין תורה,
— האָב איך דאָך, אַ קרענק דערפון

נאָר איך בין מקבל באהבה
יעדער צרה, יעדען שמערץ
כאָפּט דער רוח די מיאוס'ע תאוה
זאָל זיך גליסטען, דאָרט דעם הערץ

גרויסע דירות, מאָדנע קליידער
גלאַנץ און פּראַכט, אויף יעדען שריט
מיר איז גראָם מיין ענגער חדר
און קיין מאָדעס דאַרף איך ניט

קשה איז מיר איין זאַך, טאַטע
ניט פערפעהלט, האָב איך, מיר שיינט
קיין שום תענית'על לעת עתה
פון בר מצוה אָן, ביז היינט

צום גדליה, און אסתר תענית
תשעה באָב, און אַלע וואָך
יעדען מאָנטאַג, בנאמנות!
היינט יום כפור, ווייסטו דאָך

ס'איז געווים אַ זאַך אַ שווערע,
נאָר וואָס קען מען טהאָן דערמיט?
קוים איז עסען, איין עברה!
העלפט קיין חכמות — עס איך ניט!

און אַזוי פאַסט איך פאר מורא
יעדען תענית אין דעם יאָהר
אָבער שבת! יום טוב, בורא
דאן איז דאָך, אַ מצוה גאָר

עסען גיט, ווי ס'קען נאָר געבען,
וויפיעל יעדער, האָט בעגעהר
ווי זשע קומט עס, זאָלסט מיר לעבען?
אַז גראָד דאַמאָלם — הער, כאַטש הער!

ווען סאַ מצוה גלאַט צו ריקען
אין דער קישקע אָהן אַ מאָס —
האָב איך גאָרניט, וואָס צו פיקען
היתכן! וואָס הייסט דאָס?

איין קשיא אנשטאט פיער

יעדען פסח, ליעבער פאָטער
פרעג איך קשיות, צוויי מאָל צוויי,
כאָטש דו הערסט זיי, ווי דעם קאָטער
אלע פיער, און לאַכסט פון זיי

און דערפאר איז יעצט, מיין ווילען,
(זאָלסט ניט ברוגז זיין, אויף מיר)
אַז איך זאָל דיך, דאָס מאָהל, דולען
נאָר מיט איינער, אַנשטאָט פיער

הערט זשע! אַפט מאָל נעהמט די מוטער
מיך אַרום, און זאָגט צו מיר:
„לעבען זאָלסטו תכשיט גוטער
נחת זאָל איך זעהן פון דיר

בענשען זאָל דיך, מיט הצלחה
דער, וואָס אייביג לעבט, מיין קינד
ס'זאָל בעגלייטען דיך, מיין ברכה
ערשטענס, זאָלסטו זיין געזונד

צווייטענס זאָלסטו, אָהן יסורים
אָבלעבען מיין קינד, דיין וועלט
זיין דער גרעסטער, פון די גבירים
ליכטיג זאָל אין דיין געצעלט

זיין, אזוי ווי אין גן־עדן
רוהען זאָל די שכינה אויף דיר
קורץ, זאָלסט וויסען, נאָר פון פריידען
גליק און נחת, אָהן א שיעור

האָבען זאָלסטו פיעל פאבריקען
זיין דער גרעסטער ספעקולאַנט
גאַנצע שיפען, סחורה שיקען
זאָלסטו צו אַ־יעדען לאַנד

איז דיר, טאַטע ניט געפעלען
דיעזער ווינש? נו, זאָג אליין
נאָר צו וואָס נאָך פראַגעס שטעלען?
ווען אַ קינד, קען אויך פערשטעהן,

אז דער ווינש, איז גוט אָהן שאלות
דאָך, איין זאַך, איז מיר ניט גלאַט,
קוים איך איינער, קריעג דאָס אלעס
כ׳מיין, קוים ווער איך, אַ מאַגנאַט

ווען דאָך אַנד׳רע זיין קבצנים,
וועלכע וועלען פאַר דעם ברויט
אין דעם שוויים פון זייער פנים,
מוזען שאַפען, ביז אין טויט

גראד אָט דאָ, מיין טאַטע לעבען
שטעקט מיין קשיא, ווי אַ ביין
און אויף איהר זאָלסטו, מיר געבען
באַלד א תשובה, צו פערשטעהן

וועלען די, וואָס וועלען שאַפען
אין מיין פעקטאָרי אמאָל

ווי פערקויפטע, וויסטע שקלאַפען
זיין פון אייזען, צו פון שטאָל?

האָט פון זיי דען ניט אַ מאַמע
יעדער איינער, פונקט ווי איך?
וועלכע דריקט איהם צו מסתמא
צו איהר הערצען פונקט, ווי מיך

טהוט דען ניט אַצינד זיין מוטער,
פונקט, ווי מיינע, מצוות פיעל,
וויינט און קלאָגט, און יאָמערט ביטער,
בעט, ביי גאָטעניו אין שיהל

אַז ער זאָל איהר קינד בעשערען
אַלדעם גוטס? — נו זאָג פאַר וואָס
זאָל איהר קינד אַ שקלאַפע ווערען
און מיין מאַמעס אַ בעל הבית?

צווי געדאנקען

אך, איידער צו לעבען, אום אייביג צו ליידען
אום קיין מאָל, קיין הונגער און קעלט אויסצומיידען
זיך פלאָגענדיג נאָך אזוי שווער
צו לעבען און זיין אונטערדריקט און פעראַכטעט
פון קאַפּיטאַליסטישער בעסטיע בעטראַכטעט
אזוי ווי אַ מין חיה און ניט מעהר!

וואָס איז נאָר בעשאַפען געוואָרען צום בויען
צום אַקערען, וועבען, צום מאָהלען, צום האָוען
און אַלץ פאַר דעם רייכען אליין
צו לעבען, אום שטענדיג, אָהן אויפהער פערברענגען
די טעג מיט די יאָהרען אין שאַפּ, אין דעם ענגען
די ליכטיגע שיין ניט צו זעהן.

אך! איידער פיר ליידענדע צו אַגיטירען,
וואָס לאָזען, ווי שעפּסען צום שוחט זיך פיהרען
ניט מעהר, ווי פאַר טרוקענעם ברויט
די אורזאַכע פון זייער נויטה צו ערקלעהרען
און ענדליך, פון פיעלע, נאָך אויסגעלאַכט ווערען?
אָה! בעסער, אָה ליעבער דער טויט

אָט דיעזער געדאַנק, ער צורייסט מיין נשמה,
נאָר באַלד קומט אַ צווייטער — דער ברענגט מיר נחמה
פערגעס ניט, זאָגט ער מיר, מיין פריינד
דער חכם, וואָס האָט צו פערשטעהן געגעבען

אז ס'דרעהט זיך דער ערד־קוגעל, — האָט אין זיין לעבען
געליטען פיעל מעהר, ווי די, היינט

איהם האָט מען געמאָטערט, און ער האָט געשוויגען,
און רוהיג געהערט, ווי דאָס פאָלק האָט געשריען
„יא! וואהנזיניג איז גאליליי!
זיין וועהטאָג, איז ער, ביז צו לעצט אויסגעשטאַנען,
אין זיי האָבען לוסטיג, געלאַכט, די טיראַנען
אצינד אָבער, לאַכט מען פון זיי.

די זעלבע שכר טרחה, וועסטו אויך בעקומען
עס לאַכט פון דיר יעצט, מיסטער מייק, און ר' שמעון
פערדאַנקענדיג, זייער פאַנאַטיזם
ווען אבער זיי וועלען, פון איהם, זיך בעפרייען
דאַן וועלען זיי אָלע צוזאמען, אויסשרייען
„עס לעבע דער סאָציאליזם!"

דאַן וועלען די מייקס, און די שמעון'ס געשטעהן
דאָס ווי גאליליי, האָסטו נעבעך, געזעהן
די נאַקעטע וואַרהייט, ווען זיי
האָבען דיך קעמפפענדען גאָר ניט פערשטאַנען
און וועלען דערפאר, אָפט, דיין נאָמען דערמאָהנען
מיט עהרפורכט, און יובעל געשריי!

דאס קיה׳על

דאָס שטילינקע קיה׳לע
שוואַכענקע בריה׳לע
גיט מילך פעטינקע
מאַכט דער מענש סמעטענקע
קעז, רונדע זעקעלעך
פוטער געבעקעלעך
קיכעלעך, קרעפעלעך
פולענקע טעפעלעך
און צו דעם קיה׳לע
שטילינקען בריה׳לע
גיט ער נאָר שטעקעלעך
שטרויעלעך, ברעקעלעך
פון אזא מאכל׳ע
רייסט איהר אין בייכעלע
דאָך, אין אַ ווינקעלע
גיט זי אַ טרינקעלע
לעקט אָב, דאָס פייניצעל
גיט זיך, אַ גיינעצעל
און אונטער׳ן נעזעל אַ ברום
שטיל, ווי אַ מלך׳על
געהט זי צום שטאַלעכעל
זוכט אָב, איהר שטיבעלע
פינסטערע גריבעלע
לעגט זיך, און שווייגט, פונקט, ווי שטום!
נאָר טאַטע זיסינקער
אוי! איז אַ מאוס׳ינקער

שפּאָס מיט'ן קיה'לע
שטילינקען בריה'לע
ווען אין איהר כעס'עלע
גיט זי אַ פּערדרייסעלע
פּלוצלינג איהר עקעלע
גיט זיך אַ בעקעלע
אָה! דאַן געה אַוועק פון איהר שוועל
זיי דאַן קיין נאַרעלע
לויף פון געפאהרע'לע
טראָג זיך ביי צייטע'לע
אָב אין אַ זייטע'לע
ניט וועט דאָס קיה'לע
שטילינקע בריה'לע
מאַכען פון דיר, דאַן אַ תל

* * *

דאָס ארבייטער קלאַסעלע
ליידענדע מאַסעלע
דאָס איז אַ בריה'לע
אויך אַ מין קיה'לע
דאָס קאַפּיטאַליסטעלע
גאָר פּאַר אומזיסטעלע
זויגט איהר געזינדעלע
אוים ביז אין גרינדעלע
ס'קיה'לע גיט נאָר אַ ברום
ער האָט פּאַלעסטעלעך
רופט אַהין געסטעלעך
טאַנצט אויף פּאַרקעטעלעך
שמעקט זיך בוקעטעלעך
זיינע סאַלאָנעלעך
קאָסטען מילליאָנעלעך
און צו דעם קיה'לע

שוואכינקען בריה׳לע
גיט ער חדרים׳לעך
פינסטערע קברים׳לעך
שמאָלענקע געסלאך
מיסטיגע פעסעלעך
לופט פול מיקראָבעלעך
עסען כוואָרעבעלעך
און דאָך? דאָך שווייגט עס, ווי שטום!
נאָר ווען אין צאָרענדעל
ווערט עס דאָס האָרענדעל
געבען א דרעה׳לע
צו דיר א געה׳לע
אָה! היט זיך דאָן סוועטערעל
געלד זעקעל פעטערעל
טראָג אָב די ביינדעלעך
הענד, פים און ציינדעלעך
טרעט דאמאָלס אָב פון איהר שוועל
היים די סאָלדאַטעלעך
גיך די האַרמאַטעלעך
ביקסעלעך, שווערדעלעך
לעגען צו דר׳ערדעלעך
ניט ווערט דאָס קיה׳לע
שוואכענקע בריה׳לע
מאכען פון דיר, דאָן א תל.

די נשמה און דער גוף

עס רוהט ניט, עס שוועבט אין דער הויך די נשמה
און שלעפּט אויך דעם גוף, מיט זיך מיט
זי טראָגט איהם אין וועלטען פון גליק, און נחמה
ווי ס'גיסט ניט, קיין אונשולדיג בליט

אין וועלטען וואו עס הערשען, קיין שרעק, קיין סכנות,
וואו ס'לעבט ניט קיין עלענד, קיין נויטה
וואו ס'בלייבען ניט איבער יתומים, אלמנות
אָהן שטיבער, מלבושים, אָהן ברויט

ווי ס'וויסט ניט קיין מענש, פון אומזיסטיגע שמערצען
ווי אַלעס נור וואַקסט און עס בליהט
אַ פייער ברעכט אויס, אין דעם גוף'ס שוואַכען הערצען
אַ פייער וואָס קאָכט, און וואָס זידט

וואָס צינדט אָן אַ כעס אין דער עדלער נשמה
אַ צאָרן, וואָס מאַטערט, וואָס צערט
פערשוואונדען ווערט נחת, בטחון, נחמה
דער גייסט, דער געמיטה, ווערט צושטערט

און באַלד, הערט דער גוף אויף, פון תענוג צו וויסען
ווייל אלעס, ווערט נמאס און פוסט
עס וויל די נשמה, צו קיין זאַך, מעהר גלוסטען
נאָר איינס, וואָס זי וויל, וואָס זי גלוסט

איז גליקליך צו מאַכען, די וועלט, אויך ווי יענע,
וואָס שיינען פון ווייטענס, אַ פּראַכט!
זי פּרעדיגט דער וועלט, פון די וועלטען, די שעהנע
די וועלט אָבער, הערט דאָס, און לאַכט

מען מאַכט פון איהר חוזק, און אין דער אדמה
האָט יעדער, איהר פּרעדיגט, גאַנץ טיעף
זי ליידעט, ביז וואַנען, זי פאַלט די נשמה
זי שטאַרבט, און עס פאַלט אום, דער גוף.

די באָבע מיט'ן איניקעל

אוי ווייסט איז מיין לעבען, וואָס זאָל עס בעדייטען?
צו האָט מען אַזוינס שוין, איך בעט דיך, געהערט?
פערלוירען די מורא, פאַר גאָט און פאַר לייטען
געוואָרען גאַר פשוט, ווי איבערגעקעהרט

סטייטש איינקעל, טאַטע, מיין הערץ, מיין נשמה
נו, זאָג מיר, איך בעט דיך, צו ביזטו ביים זינן?
פלעגסט האַלטען פון פורים פון אסתר'ס מגילה,
קדושה, למשל, איין אַנדער מין דין

למשל פון דאַווענען, יעדען פריה מאָרגען
פון זאָגען שאו ידיכם, זיך וואַשען צום טיש
די טהירען, מיט גוטע מזוזות פערזאָרגען
און יעדער מזוזה'לע געבען א קוש

פלעגסט שבת, אפילו קיין טיכעל ניט טראָגען
אָפט מאָל זאָגען תהלים, א פרק משניות
נו, און דיין הלל דיך הערען, צו זאָגען
ווער שמועסט דיין לא־לנו, איז געוועזען א חיות!

פלעגסט בודק זיין חמץ, פערשטעהסט זיך אויף פסח
דו האָסט מיט דיין פרומקייט גע'שמ'ט, ווי א גביר
פלעגסט מורא האָבען טרינקען, אפילו פון נסך
און איצטער א צרה, אַ בראָך איז צו מיר

זייט קיין אמעריטשקע, דו ביזט געקומען
האסטו זיך, וועה איז דיין באבען און וויסט
צו טריפה'נע ענגלישע ביכלעך גענומען
און ביזט גאר געווארען, א וואס?... א לו...ציסט?!!

איך זאל אזוי וויסען פון זיי ווי עס רופט זיך
מיר דאכט זיך, ציּ..ציסט, עפעס נאך אין דער מיט
עס זאל זיך, פון זיי, אזוי טריפען, ווי ס'טריפט זיך
פון מיר אב, טאג טעגליך, דער מארך, דאס בליט

מילא ווילסט שוין ניט האלטען פון אלע די דינים
ווילסט גאט ברוך־הוא טהון א צו להכעים? זאל זיין!
טא ווארף זשע ניט, כאטש, דיין נשמה בחנם
אין טאג פון יום כפור אין גיהנום אריין

כאטש איין מאל דערמאן דעם ר'ב'ש'ע'
און היט אב, כאטש איין מאל, אין יאהר, אט דעם טאג
ווי לעבט עס א מענש, גלאט אזוי, ווי א גולם
נו, איז דאס א יושר? איך פרעג דיך נור זאג!

קיין שבת, קיין יום טוב, קיין סוכות, קיין פורים
נאר סטרייקען מיט באסעס, אט דאס איז א זאך?
וואס האט איהר, צו נעמען זיך פוסטע יסורים?
וואס דארף עס אייך ארען, וואס יענער איז רייך?

דער צווייטער איז רייך? נו! איז שריי חי וקים!
מן הסתם, האט זיין בעטען ביים בורא, א קיום
און איהם איז בעשערט, טאקע מן השמים
אז מזל און ברכה, זאל זיין נור מיט איהם

צום ערשטען, איז קנאה איין עברה, א מיאוס'ע
עס שטעהט דאך געשריעבען בפרוש, פון גאט

בכן דאַרף מען די צרות אָננעהמען פאַר זיסע
און זיין גאַנץ צופריעדען, מיט דעם, וואָס מען האט

וואָס קען מען זיך העלפען, אַז גאָט איז געפעלען
ניט יעדען צוטהיילען אין גלייכען, דאָס געלד?
קוים האָסטו אַ מזל אַ גוטס? — ועסטו קוועלען!
קוים ניט? וועסטו האָבען אַ פינסטערע וועלט!

טאָ וואָס זשע קען העלפען אַ סטרייק זאָלסט מיר לעבען?
דער באָס גיט נאָר דריי דאָלאַר? — נעהמט מען צו דריי!
וואָס וואָלט מען געטהאָן, — ער זאָל דאָס אויך ניט געבען?
טאָ, וואָלט דאָך נאָך ערגער געווען — סיי ווי סיי!

אמיין איז מען קלוג, און מען בטל'ט צו איהם אוים
אַלע וויסטע חלומות פון געהענדיג יאָהר.
מען מאַכט זיך, פון איהם, מיט זיין רייכקייט אַ צימעס
א קאפטען, אַ שטרויענעם ספאָדעק, דאָס גאָר!

איך וויים, אַז דו וועסט מיך באַלד פרעגען, מיין לעבען
פאַר וואָס זשע האָט מזל, א רשע, אַ הולטאַי?
אַ תרוץ אַ גוטען, וועל איך דיר באַלד געבען
איין ענטפער אַ גוטער, איז דאָ אויך דערביי.

אָט דער, וואָס צוטהיילט די מזלות, דער מלאך
ער איז דאָך, אַ בלינדער — ווייל גאָט וויל אַזוי
נו, קומט אָן דאָס מזל אַמאָל צו אַ גלח
אַמאָל, צו אַ רב, און להבדיל אַ גוי

אי, וועסטו דאָך פרעגען פאַר וואָס? איז אַ קשיא
אויף דעם וואָס, לעבט אייביג, קיין מאָל ניט פאַראָן

נעהם זיך נאָר אין פסוק, מיין קינד, צו אין ר"שי
געשריעבען דערפון, קער געווים דאָרטען זיין

דאָס אייניקעל לאַכט, און ער זאָגט צו דער אַלטער:
„אוי באָבע, ניט דו קענסט בעגרייפען די זאַך
דער גאָט, איז אַזאַ מין געהיימער פערוואַלטער
דער וועלט, וואס ניט דו, און נאָך מענשען א סך

זיי קענען דעם עיקר, ניט גרינדליך דערגעהן
און חקירה'ן דעריבער, איז נאַריש דערפאַר
איין זאַך, וואָס איך בין נור אימשטאַנד, איז פערשטעהן
אַז ער — איך מיין גאָט, איז געווים ניט קיין נאַרר

וואָס פאָדערט גאָר תהלים תנ"ך אין גמרא
דאָס גלויבען אין שטן, אין מלאך אין רוח
אין פוסטע געשעפטען, א מלכה, אַ כפרה
אַ צדיק, אַ למדן, בעל מופות, משגיח

און נאָך פיעלע אַנדערע זאַכען דאָרט, ווייס איך!
דו הער מיך אוים באַבעניו גוט, וואָס איך זאָג
איך גיב דיר קיין גראָשען פאַר קידוש, פאַר פסח
ס'איז אַלעס, חלומות, אַ נעכטיגער טאָג

דעם סאָציאַליזמוס קענסטו ניט דערגעהן
און באבעניו, נעמליך, אָט טאַקע, דאָרום,
קענסטו ניט בעגרייפען, און דייטליך פערשטעהן
ווי דיין פראָפּאַגאַנדאַ, ס'הייסט דרשה, איז דום

וואָס? ווייסט איז מיין לעבען, וואָס הערען די אויערען?
דאָס אידישקייט מאַכט ער צום אויסדרעהען גאָר?
זאָל נאָר, אַזוי לאַנג שוין, דער גלות געדויערען
ווי לאַנג איהר וועט קענען געוועלטיגען גאָר

הערט! הערט נאָר אַ לשון! מיגאנדע־פיגאַנדע
ליציזמע־פיציזמע, איז אויך מיר אַ שפּראַך
אַ פינסטערער חלום, צו דיין יאַכנע־טראַנדע
פון דיין ליפיציזמע, זאָל ווערען אַ טייך!

וואָס ווילט איהר? מיט אייך זאָל דער נגיד זיך טהיילען?
טאָ זאָג מיר, פאַר וואָס קומט דאָס אייך? און פאַר וועןן
איהר ווילט, אַז מען זאָל אייך, איין אייעלע אַבשעלען
אַ פּאַרטיגס אין מויל אריין לעגען? וואָס דען!

אָט וועלען זיך באַלד די נגידים צופּאַקען
וואָס הייסט עס צוטהיילען אין גלייכען דאָס געלד?
איך וואָלט אייך געהייסען די ביינער צוקנאַקען,
ווען איך זאָל נאָר האָבען אַ דעה, אויף דער וועלט

עס קרענקט אייך, פאַר וואָס געהט דער רב אין אַ ספּאָדעק?
ער אַרבייט ניט שווער, און נעהמט שכירות אַ סך?
איז וואָס זשע? — איהר מיינט, אַז אַ הייליגער צדיק
איז עפּעס אַ איד מיט אַ שניידער צו גלייך?

אַ שניידער קען אַלע מאכלים פערטראָגען
אַ רייטעך, אַ פּאָמפּעניק שטופען אין בויך
אַ צדיק האָט אָבער, אַ זיידענעם מאָגען
ער עסט נאָר אַ קאַשקעלע אַ גוטס, און אַ יוך

דאָס אייניקעל מאַכט זיך, נאַטירליך אַ צימעס
פון אַלע די טענות, זי ווערט ערגער בעז
זי גיט אַ געשריי צו איהם, ווערען זאָל נמאס
דיין לעבען, דיר פינסטער, און,זויער ווי קעז

דו לאַכסט נאָך דו שייגעץ? אוי גאַטעניו לאַכען
זאָלסטו שוין מיט יאַשטשערקעס גרינע, געוואַלד!

תכריכים זאָל איך דיר, שוין, גאָטעניו מאַכען
בעגראָבען זאָל איך דיך, אין דר'ערד, גיך און באַלד

אַ גראָשען ווילסטו מיר, פאַר קידוש גאָר געבען?
פון אידישקייט ווילסטו ניט הערען? ניט זעהן?
אַ טפוי אויף דיין קאָפּ, אויף דיין לייב, אויף דיין לעבען
עס זאָל פון דיר ווערען אַ שטיין, און אַ ביין

עס זאָל דיך גאָר, ווי אַ כוואַראָבע ניט פיילען
דו כופר בעיקר, דו גוי, דו מוזשיק
עס זאָל דיך קיין טאָטער, קיין רופא ניט היילען
צוזעצט זאָלסטו גאָטעניו, ווערען אויף שטיק

אוי, גאָטעניו שטאַרקער, זעה, שיק אָן אַ צרה
אויף די ציציליסטען, איך בעט דיך, פאָלג מיך
עס זאָל פון זיי בלייבען קיין שריד ופליט
קיין סימן, קיין זוואַניע, קיין דיך, און קיין סליך

דער פּאַיאַץ

אין צירקוס, עס ברענט די בעלייכטונג, האַלב טינקעל
די דיענער — זיי מאַכען דאָרט פערטיג אַלסדינג
זיי לויפען, ווי מייז, אום פון ווינקעל צו ווינקעל
און שפּרינגען אריין, און ארוים פון דעם רינג

דער רינג, איז די ביהנע, פון צירקוס, די ערד דאָרט
און נעמליכען רינג, ווערט מיט בלומען בעצירט
עס ווערט פאר איין רייטערין שעהנער, צוויי פערד
דאָרט
אויך עקסטרא געזאָטעלט, ווייל זי דעביוטירט

צום ערשטען מאָל היינט, אין דער שטאָדט. דער
אָרקעסטער
ער מישט שוין די בלעטער, דען באלד פאַנגט עס אָן
אָט נאָך איין מינוט, און עס טרעט אויף דער גרעסטער
דען איינציגער בעסטער, בעריהמטער קלאָון

ער איז ביי דעם עולם, דער ליעבלינג פערעהרטער
קוים האָט ער די מינדעסטע העויה געמאַכט
דערביי נאָך אַ זאָג געטהאָן איינע צוויי ווערטער
און תכף מיד, ווערט אָהן אויפהער געלאַכט

געוועזען איז ער, אין דעם אָבענד, ווי אימער
דער איינציגער קינסטלער, וואָס האָט טריאומפירט
נאָר פלוצלינג איז ער, שנעל, אריין אין זיין צימער
אַ שרעקליך צוקאָכטער, כמעט, ווי פערווירט

דאָרט האָט ער זיין מיצעל, נערוועז אָנגעגריפען
און ערנסט פערטראַכט זיך אויף צוויי־דריי מינוט
דאָס פובליקום האָט איהם, געפּלעסקעט, גערופען
און ער? — אָה! ביי איהם, האָט זיך דאַמאָלס, אין בלוט

געבאָדען זיין זעעלע, עס האָט איהם זיין שטערן
איין אייז קאַלטער שוויס, באַלד בעשלאָגען, פון שמערץ
אָה, ווער האָט געקענט, דאַמאָלס זעהן, צו הערען
דעם שטורם דעם ווילדען, ביים קלאָון, אין הערץ?

עס האָט זיין געליעבטערס פּאַפּאַ, איהם געשריעבען
(געוועזען איז יענער, איין גרויסער באַנקיר)
צו ווייט האָסטו קערל, דיין פרעכהייט געטריעבען
און טרייבסטו זי ווייטער — דאַן וועט דיר זיין וועה

ווי וואַגסטו צו דענקען מיין טאָכטער'ס האַנד קריגען?
געשריעבען האָט ער איהם, וויים קערל דיין פּלאַטץ!
עס זיינען צו הויך, אונערררייכבאַר, די שטיגען
צו זאָ, איינער שטופּע, פיר דיר, דו פּאַיאַץ!!

שטיל זיינען פערפלויגען מינוטען און שטונדען
געטהאָן האָט איהר זאַך, ווי געוועהנליך, די צייט
עס האָבען זיך, לאַנגזאַם, פערהיילט אַלע וואונדען
און ווידער געעפענט, פאַר איהם, האָט זיך, ווייט

אַ ברייטער וועג, פול מיט בטחון, און לעבען
אַ וועג פול מיט נייעם טריומף, מוטה, און לוסט
מיט נייער בעגייסטערונג, ווילען און שטרעבען
און פלוצלינג, וועה, וועה! ווי אַ קויל, אין דער
ברוסט

האָט איהם יעצט, אַ שפּאָגעל ניי אומגליק געטראָפען
דאָס האָט אין דעם אַבענד, אין צירקוס פּאַסירט
פונקט, וועהרענד, ער איז אין מאַניעזש, אומגעלאָפען
און האָט אויף זיין עזעל געטאַנצט און זשאָנגלירט

אַזוי ווי אַ פייל אוים דעם בויגען געטריעבען
דעם עזעל, אויף איהם אויך געטאַנצט אַזוי שעהן.
אויף איין מאָל, איז ער, ווי פערגליוועדט געבליבען
ער האָט צווישען עולם, אויף איין מאָל, דערזעהן.

איהם, איהם!! איהר פאָטער, אליין דאָרטען זיצען
ער האָט אין זיין קונסט, זיך פעראינטערעסירט
אָה טייפעל! געלאכט האָט ער, פון זיינע וויצען
געשעפט פערגעניגען, זאָגאר אַפּלאָדירט.

געעפענט זיך האָבען, צוריק זיינע וואונדען
ער האָט, ווי איין גיפט אין זיין הערצען ערשפירט
עס איז איהם, דאָס ליכט, פון די אויגען פערשוואונדען
און בייז, אויסגעשריען, האָט ער, ווי פערווירט

ער וואגט מיך בעוואונדערען? מיר אַפּלאָדירען
די פרעכהייט! אה! אה! איך פערשטעה! דאָס בעדייט

דאָס איך בין אַ ווערקצייג נאָר, צום אַמוזירען
צום לוסטיג איהם מאכען, און ער איז בערייט

צו געבען מיר געלד, פאַר די קונצען די פיינע
נאָר דאָ, הייסט עס, בין איך איין זעלטענער שאַץ
זיין טאָכטער, איין פרוי, אָבער, ווערען זאָל מיינע
דאָפיר בין איך מעהר ניט, ווי נאָר איין פּאַיאַץ!

ווי? כ'בין נאָר אַ ווערקצייג? און איך האָב די ווערטה נאָר
ניט מעהרער, ווי געלד? אָה וועה, וועלכער שמערץ!
בין איך דען קיין מענש ניט? אָה הימלען, הערט!
הערט נאָר!!!
דאָ איז ער געפאלען — געפלאַצט האָט זיין הערץ!

וואָס טויג מיר דאָס אלעס?

וואָס טויג מיר בעזינגען דאָס ליכט, פון די שטערן,
ווען הינטען אויף דר'ערד, הערשט איין אייביגע נאַכט?
וואָס טויג מיר, די קראַפט, דער נאַטור, צו בעקלעהרען?
ווען איך, האָב אליין שוין, כמעט ניט, קיין מאַכט

צו שטעהן אויף די פיס. צו וואָס טויג מיר דאָס קוועלען
פון יענעמס פּאַלאַצען, ווען איך האָב קיין שטיעב?
ווי קענען מיר ליעב זיין, דער נאַכטיגאַלס טרעלען
ווען מיר, איז מיין פינסטערעס לעבען ניט ליעב?

וואָס טויג מיר דעם עושר'ס בולוואַרען פּראָספּעקטען,
ווען מיין גאַס, איז שמוציג, און מיאוס, ווי דער טויט?
וואָס טויג מיר, וואָס יענער פרעסט גוטע קאָנפעקטען,
ווען איך האָב קיין פיסנע קאַליש ניט? קיין ברויט!

וואָס טויג מיר דאָס שעהנקייט פון גבירישע קינדער
ווען מיינס, איז פון דחקות, פערוואָגעלט און מאוס?
וואָס טויג מיר ערפינדונגען גרויסע פול וואונדער?
עלעקטרישע באַהנען? ווען איך געה צו פוס?

וואָס טויג מיר בעזינגען; די ווענוס, די זיסע?
בעטראַכטען, ווי שעהן זי זעהט אויס, און ווי צאַרט,
ווען גאָלדע מיין ווייב, איז געוואָרען א מאוס'ע
פון צרות, פון דאגות, פערגעלט, און פערדאַרט

וואס טויגען מיר לוחות, מיט הייליגע כתובים ?
ווען מענשען מיט מענשען זיך קוילען, ווי שאף ?
וואס טויג מיר זיין ברוגז, אויף בעגעל גנבים
ווען בלוט־צאפערס גרויסע, פערבלייבען אהן שטראף?

וואס טויג מיר, אויף פוילענצער, פירסטען צו גאפען
ווען איך בין א נישט, כאטש איך שאף נאר אין שאף
וואס טויג מיר בעוויינען פון פרעה די שקלאפען
ווען איך בין אליין, נאך ניט מעהר, ווי א שקלאף.

וואס טויג מיר, מיין אייגענעם ברודערס גדולה ;
ווען איך געה אום הונגעריג, מיעד און פערשמאכט ?
וואס טויג מיר, דאגעגען מיין גליק ? מיין גאולה
ווען ס' געהט אום מיין ברודער פערזארגט, און פערטראכט ?

וואס טויג מיר בעוואונדערען גרויסע טיטולען
וואס ווערען עררייכט דורך שאנדע און שמאך ?
וואס טויג מיר צו בויען מיליאנען שפיטאלען
און פונקט אין דער צייט, אין א בלוטיגען טייך

דערטרינקען א וועלט, דורך ווילדע סכנות
מלחמות, קאנאנען, מיט ביקס און מיט שווערד
וואס טויג מיר אויף חיות צו האבען רחמנות
ווען בליהענדע מענשען פערטרייבט מען אין דר'ערד ?

וואס טויג מיר, וואס איך האב, צו פרעסען, צו טרינקען,
ווען טויזענדער עופה'לעך טאפען די ברוסט
פון מאמעס, וואס האבען קיין מילך, און זינקען
אין שמאטעס און בלאטע, אין שטויב און אין מיסט ?

וואס טויג מיר די עהרליכקייט פון מיינע טעכטער,
ווען אנדערע ווערען געשענדעט, פערפיהרט ?

וואָס טויגען מיר תפיסות, מיט שומרים, און וועכטער
ווען הונגער און נויטה מאַכט אַ־יעדען פערוווירט,

דעם עהרליכסטען מאַן, פאַר אַ מאוס'ן פערברעכער?
וואָס טויג מיר בעזינגען די בלומען; זעהר דופט,
ווען איך אליין וואָלגער זיך אום, אויף די דעכער
גאַנץ זומער, אין ענגער, פערפעסטעטער לופט?

וואָס טויג מיר צו וויסען, ווי רוים איז געפאַלען
ווען איך פאַל אליין יעדען טאָג, און איך זינק?
וואָס טויג מיר בעוואונדערען רוישענדע קוואַלען,
ווען איך מוז זיך קוויקען מיט וואַסער, פון סינק

ווי קען איך פּאָעטען און שרייבער בעזינגען?
זיי לעזען, שטודירען, דאָס פאָדערט דאָך צייט,
און איך האָב קיין צייט ניט, מיין ביסען צו שלינגען
וואָס האָב איך דערפון וואָס מיין זוהן איז געשייט?

האָט חשק צו לערנען, צו געהן אין די שוהלען
און איך מוז איהם שיקען אַפּרייטען אין שאַפּ
וואָס טויג פּאָעזי, מיר, פון בערג, און פון טהאָלען
ווען איך ליעג אין סאָפּאָלק סטריט, עט אויפ'ן טאָפּ

וואָס טויגען מיר שוישפּיעלער מיט זייער שפּיעלען?
ווען ס'שפּיעלען אין האלדז, מיר די פייפעלעך, דאַכט?
וואָס טויג מיר, פון זיידענעם די קונציגע מיהלען,
ווען שמאַטעס צוריסענע, זיינען מיין טראַכט?

וואָס טויגען מיר ריזיגע, קונציגע בריקען,
ווען איך האָב קיין כוח ניט צו שפּאַנען אויף זיי?
ווי קענען מיר איינגעהן סקולפּטאָר, און אַנטיקען,
ווען מיר איז בעשטענדיג, נאָר ווינד, און נאָר וועה!

וואָס טויג מיר? וואָס דאַרף איך? וואָס נוצט דאָס,
מיר אַלעס?
אָה, געהט אייך, אָה, לאָזט מיך, איך בעט אייך, צורוה
בעפרייט מיך צוערשט, פון דעם אייביגען דלות,
בעפרייט מיך צוערשט פון מיין נוצלאָזער מיה.

דאַן וועלען מיך טרייסטען, דאַן וועלען מיר טויגען
די טהייערע זאַכען, ווייל דאַמאָלס וועל איך
ניט נאָר, ביי דעם צווייטען, זיי זעהן פאַר די אויגען
נאָר טאַקע בעזיצען פאַר אַלע, פאַר זיך

אה, דאַן וועט דאָס אַלעס זיין ריכטיג אין שטימען
מיט מיר, מיין געמיטה, מיט מיין אויפגעלעגט הערץ
דאָס עהרליכע, נוצליכע, וועט מיר בעקומען
און דאָס וואָס עס ברענגט אונז נאָר שאַנדע, און שמערץ

דאָס וועט שוין במילא, באַלד ווערען פערשוואונדען
פון ערשטען מאָמענט, וואו איהר וועט מיינע הענד
וואָס זיכערער, שנעלער, בעפרייען, צובונדען
נאָ, גיכער זשע, ריהרט זיך, עס שניידט מיך, עס ברענט

עס ברענען די שווערע, די אייזערנע קייטען
די קייטען פון אייביגען יאָך, שקלאַפעריי.
זיי שטיקען, זיי ווארגען, זיי וועלען מיך טויטען
אַך ראַטעוועט גיכער, דען איך בין פערביי!

מײן אידעאל

אַ טרויער, אַ שווערער ליעגט מיר, אויף מײן הערצען
איך זעה אַרום זיך ניט, קײן אײנציגען פרײנד
קײן אײנציגען מענשען, וואָס זאָל מײנע שמערצען,
כאָטש קענען בעגרײפען — קײן זעעלע, מיר שײנט

וואָס זאָל מיך, מיט ליעבע צום הערצען, צודריקען
פון בעזע מחשבות מיך האַלטען צוריק
מײן קראַנקע נשמה, אפילו דערקוויקען
נאָ, כאָטש, מיט אײן אמת'ען פרײנדליכען בליק

איך זעה, פאַר זיך מעהר ניט, ווי מענשען מיליאָנען
וואָס זענען זיך שונאים, אויף לעבען און טויט
וואָס לאַכען פון פרײהײט, און קניען פאַר טהראָנען
און לאָזען אויף זיך, פאַר אַ טריקען שטיק ברויט

אַ יחיד, אַ נישט, טעגליך טראַמפּלען, און טרעטרען
און צײגט פון זײ, ווער, פון פראָטעסט נאָר אַ שפור
פערשמיעדעט מען איהם באַלד, אין אײזערנע קײטען
און קײנעם בעריהרט ניט די זאַך, אויף קײן האָאר

און צדקה, זעה איך, טהײלט צו טויזענדער אײנער
דערפון, וואָס ער האָט פון זײ, פריהער גערויבט
איך זעה, ווי פערנונפט, ווערט פערוואָרפען מיט שטײנער
און אַלץ, וואָס איז מאוס, ווערט געשעצט און ערלויבט

איך זעה פאַר זיך, מעהר ניט, ווי שרעקען סכנות
וואָס קומען פון אויסבייטערס האַנד, אויפ׳ן כלל
איך זעה פאַר זיך עלענדע שוואַכע אלמנות
מיט קראַנקע יתומים און מארטער און קוואַל

עס שטעכט מיר פאַר וועהטאָג כמעט יעדער אבר
און שלאָפען וואָלט איך נאָר געוואָלט, אָהן אַ שיעור
נאָר ניט מיט׳ן שלאָף מיט׳ן קאַלטען, פון קבר
עס מעג זיין אַ גרוב, מיט פיעל ערד, אויך, אויף מיר

אַ קאַלטער. אַ פינסטערער גרוב, אָבער הערען
זאָל איך פון דאָרט אַלעס, און דייטליך אויך זעהן
נאָר אָבער קיין זיפצען, קיין ביטערע טרעהרען,
עס זאָל ביי מיין גרוב, דאָרט קיין ליידענדע שטעהן

איך זאָל דאָרטען זעהן, וואו טויזענדער מענשען
טאָג טעגליך, דאָרט, וועלען, ביי מיין מאָנומענט
די ליעבע, די פרייהייט די ווארהייט נאָר בענשען
מיט פרייליכע צורות מיט דריקען די הענד

און זעהן זאָל איך דאָרט קיין קריסטען, קיין אידען,
קיין ראסען, וואָס האַסען, און בייסען זיך יעצט,
נאָר אַלע גלייך מענשען, גלייך זאַט, און צופריעדען
יאַ! אַלע געאַכטעט, געעהרט, און געשעצט

און איבער מיין קבר, זאָל מונטער מאַרשירען
די גאַנצע וועלט מענשען, דעם ערשטען טאָג מיי
מיט יובעל געשריי און געזאַנג טריאומפירען
מיט האַס זיך דערמאָנען אָן וואָרט „שקלאַפעריי״

אָט, פון אַזאַ שלאָף, האַלט איך אָפט, אין איין קלעהרען
דערפון טרוים איך אָפט, דאָס איז מיין אידעאַל

עס וואָלט אויך געווען, מיין וואָהרעס בעגערען
ווען דאָס וואָלט געווען אַ מעגליכער פאַל

אָט דער אידעאַל, איז מיין טרייסט און מיין לעבען
און כאָטש ס׳איז אונמעגליך דאָך איז ער מיר ליעב.
אָך, ווי וואָלט איך גערן מיין שטוב אָבגעגעבען
אַט פאַר אַזאַ קאַלטען און פינסטערען גרוב!

א דרימעל

אַ מיעדען פון אַרבייט, בעהערשט מיך אַ דרימעל
און ווייט, איבער וואַלד, איבער ברויזענדען ים
ערהויבט ער מיך עט, עט, ארויף ביז צום הימעל
און טראָגט מיך אַוועק פון דעם וויסטען תהום

עט ווייט פון דער זינדיגער ערד, ווי מיט פליעגלען
טראָגט ער מיך ארויף אין דער קרעפטיגער לופט
איך זעה, אונטער מיר, בליאַסקען, ריכטיג ווי שפיעגלען
די טייכעלעך קלאָהרע, כ׳ווער שיכור פון דופט,

וואָס ציהט זיך ארויף פון די גערטנער און פעלדער
און שוואַכער ווערט אַלץ דער גערויש און דער קלאַנג
פון קללות, יללות, איך הער פון די וועלדער
דאָס צאַרטע, דאָס קלינגענדע, זיסע געזאַנג

פון פייגעלעך פיעלע, וואָס סווישטשען און טריללען
ווי שעהן אַך, ווי פרעכטיג איז דיעזע מוזיק
די טענער, זיי שאַלען, זיי קלינגען און פיללען
דאָס הערץ אָן, מיט נחת, מיט שמחה, מיט גליק

די חורבות, פאַלאַצען, און די קרימינאַלען
איך זעה זיי, ניט מעהרער, איך הער קיין געוויין
פון זעעלען, וואָס פלאָגען זיך, ליידען און פאַלען
אין יאָך פון די קעטען, איך הער אויף צו זעהן

די אייז־בערג, די טהאָלען, און די אָקעאַנען
אַ צויבערקראַפט שלעפט מיך, פון אַלעס, אוועק
די ערד, און די ריעזיגע שיפען, און באַהנען
זיי וואַנדלען זיך אום, אין אַ קליינינקען פלעק

אַ פינטעלע מעהר ניט, און באַלד ווערט פערשוואונדען
דאָס פינטעלע אויך, אך! איך פיהל אזוי גוט
איך פליה פון רציחה, פון שרעקליכע זינדען
איך פליה, און איך פליה, און איך ווער גאָרניט מיעד.

און פלוצלינג דערזעה איך, די געטין די שעהנע
די געטין דער פרייהייט, זי פליהט נעבען מיר
„דו ביזט ניט קיין זינדער, דיין זעעלע איז אַ ריינע"
זאָגט זי מיר אין אויער גאַנץ שטיל, און נאָר דיר

וויל איך יעצט, וואָס ווייזען — עס וועט דיר געפעלען
איך קען דיין נשמה — וועסט קוועלען דערפון
דו זעהסט דאָרט פון ווייטען, דעם שטערן, גאַנץ
העללען?
וואָס איז דאָס? פרעג איך זי, אַ לבנה? אַ זונן?

אָה ניין! ניט קיין זונן, נאָר אַ וועלט, פונקט ווי דיינע
נאָר אָבער אָהן הערשער, אָהן קיסרים, אָהן צאַרס
עס גיבען אויך דאָ, פיעל מדינות, זעהר פיינע
דאָס איז, פריינד, דער שטערן, וואָס הייסט ביי אייך
„מאַרס"

און ווייטער אַלץ פליה איך, און פיעלע קאָמעטען
זיי פליהען גאַנץ ווייט ארום מיר, אַזוי שנעל,
ווי פייל אום'ן בויגען, כ'זעה אַלע פלאַנעטען
און פלוצלינג ווער איך שיעור ניט, בלינד אויפ'ן שטעל

פון בלענדענדער שיין, ווי פון טויזענדער זונען
איך שליס צו די אויגען, און רעד ניט קיין וואָרט

וואוהין, טראַכט איך, פליה איך? און אין מיטען דרינגען
ווער איך, שיעור, פערגליווערט, פערשטיינט אויפ'ן אָרט

נשתומם, ווער איך, ווען איך עפען די אויגען
איך קוק זיך ארום, וואָס דערזעה איך? אַ גאַס!
אַט דאָ רוה זיך אויס, גוט, גענוג דיר געפלויגען,
זאָגט זי מיר, זיי רוהיג, און ווער נאָר ניט בלאַס

באַלד, באַלד וועט דיין הערץ, זיך ערשט, ריכטיג, ערקוויקען
דו זעהסט דאָרט, די הייזער פון טהייערסטען שטיין?
וואָס איז דאָס? פאַלאַצען? פרעג איך, ניין פאַבריקען,
ערקלעהרט, מיר די געטין — אַט באַלד וועסטו זעהן

די אַרבייטער קומען. וואָס ווילסט פון מיר שפעטען?
פרעג איך זי, פערוואונדערט, עס איז דאָך האלב עלף
איז וואָס זשע? ביז יעצט, זאָגט זי, לעזט מען גאַזעטען
מען פראַוועט דעם ברעקפעסט, און פונקט האַלב נאָך 12

איז נאָך דער עבודה. צוויי שטונדען? דאָס אַלעס?
וואָס רעדסטו? פרעג איך זי, ווי קען עס דען זיין?
אַך, קינדעלע מיינס, זאָגט זי, פרעג ניט קיין שאלות
דו זעהסט, ווי די אַרבייטער געהן אריין?

דו זעהסט די געקליידעטע הערען און דאַמען?
דאָס זיינען זיי נאָך ניט, אין גאַנצען פערפּוצט
דער פורפור און זייד, מיט דעם פוטער צוזאַמען
איז מעהר ניט, צו זיין פון דעם וועטער געשיצט

דו זעהסט דאָרט די זילבערנע קערידזשעס פאָרען?
די קינדערלעך זיצען דאָרט ניין אין דער צאַהל

דאָס זענען 6 יעהריגע, און ביז דרייצעהן יאָהרען
צופיהרט מען זיי אַלע טאָג טעגליך אין סקוהל.

יעצט קום, זאָגט זי, זעה, ווי די אַרבייטער וואוינען
און ס'דויערט ניט מעהרער, ווי איין אויגענבליק
הויב איך אויף דאָס ניי אָן, צו גאַפען, צו שטוינען
כ'דערזעה אין דער אמת, דאָס אמת'ע גליק

די הייזער פון מאַרמאָר, מיט בעסטע געוואַנטען
בעשלאָגען די ווענט, יעדער שטוב, יעדער זאַאַל
געפלאַסטערט מיט פּערלען, רובינען ברילליאַנטען
די דעכער מיט בעסטען פאַרפאָר און קריסטאַל

וואו נעהמען זיי, פרעג איך, אויף דיעזע הוצאות?
צו קריגען זיי סחורות, אַזוינע, ביי אייך?
אָך, נאַרעלע, ענטפערט זי מיר, האָסט א טעות
דאָ גיט ניט קיין עלענד, קיין אָרעם, קיין רייך

דאָ גיט ניט קיין כסף וזהב, קיין סחורות
קיין יחוס, מיחוס, קיין „איך" און קיין „דו"
די הייזער, די קליידער, דאָס גאַנצע עשירות
קריגט יעדער דאָ גלייך פאַר די צוויי שטונדען מיה

טאַלאַנטפאָלע ברואים, סיי פרויען, סיי מענער
דער איינער, וואָס גוטעס, וואָס גרויסעס ענטדעקט
ארטיסטען, ערפינדער און אַנדערע קענער
די ווערען בעלוינט דאָ, מיט כבוד, רעספּעקט

דאָ ווייסט מען קיין קנאה, קיין שנאה, נקמה
דא גיט ניט קיין גזלה, קיין שווינדעל, קיין רויב
דאָ דאַרף מען ניט קענען טכסיסי מלחמה
ווייל אַלעם לעבט צערטליך און שטיל ווי אַ טויב

די געטין בעקענט מיך, מיט פיעל, פון די לייטע
וואָס געהן ארוים פון אַ ריעזען פאַבריק
זיי זיינען געבילדעטע אלע און געשייטע
פערשטעהן פון וויסענשאַפט, קונסט און מוזיק

און זיטען, מאַניערען, אך וואָס פאַר פיינע
זעה איך פון די אַלע, גאַר אַהן אונטערשיעד
און פּנים׳ר פּנים׳ר, מאַמעניו מיינע
אך וואָס פאַר אַ שעהנקייט, דאָס אויג ווערט ניט
מיעד

צו קוקען אויף זיי, דיזע יונגפרויען, ווייבער!
די שלאַנקע פיגורען, די קרעפטיגע הענד
די הויך רונדע ברוסטען, די שנעע ווייסע לייבער
די בליהענדע וואנגען. איך ווער שיער פערברענט!

עס גיט מיר פאַר וועהטאָג, אַ קלעם פאַר׳ן האַרצען
איך בלייב אויפ׳ן אָרט, אַ צוטומעלטער שטעהן
עס שטיקען די טרעהרען מיך, אַזש פאַר שמערצען
איך ברעך אוים אַ שמערצפאַלעס, ביטער געוויין

פאַר וואָס זאָל דער מענש, אויך ביי אונז דאָרט ניט
וויסען
פון זעלבען גענוס, פאַר זיין ביטערער מיה?
פאַר וואָס זאָלען דאָרטען נאַר טרעהרען פליסען?
פרעג איך זיך אליין — אך, וואָס טהוט מען דערצו?

איך בעט דיך, דו זאָלסט מיך פון דאַנען ניט טרייבען
קלאָג איך פאַר דער געטין — זעה טהו מיר צוליעב
איך וויל דאָ, אויף שטענדיג, אויף אייביג פערבלייבען
אַט דאַ וויל איך זיין ביז מיין קבר, מיין גריב

דו דארפסט דאָ ניט בלייבען, באַלד באַלד וועסטו
פליהען

צוריק צו דיין ערד, זאָגט די געטין צו מיר
פון היינט אָן זאָל דאַרטען אויך וואַקסען און בליהען
אלסדינג פונקט, ווי דאָ יא! איך שווער עס צו דיר!

און זאָגענדיג דאָס גיט זי א פּאַטש מיט די פליעגלען
און ווערט שנעל פערשוואונדען פון מיר, ווי א בליטץ
איך לאָז זיך אַרונטער — דערזעה, ווי עס שפּיעגלען
די טייכעלעך קלאָהרע — א פּיעבערשע היטץ

דערשפּיער איך פּאַר שמחה עס שניידען און פּאַכען
די לופט, מיינע הענד, ווי מיט טייפעלשען כוח
מיין הערץ הויבט פּאַר פרייד אָן, צו קלאַפּען, צו פּאַכען
פון אויפרעגונג הויבט זיך מיר אויף, שיעור דער מוח

אָט זעה איך באַלד, באַלד דיעזע גרויסע גאולה
אָט נאָך איין מינוטעלע, איין אויגענבליק
דערזעה איך די זיסע, די גרויסע גדולה
פּאַר אַלעמען גלייך, די ישועה, דאָס גליק

און פּלוצלינג גיב איך זיך א כאַפּ אויף. אָה הימלען!!
וואָס טהוט זיך מיט מיר דאָ? ווי בין איך אַצינד?
איז דאָס נאַר געוועזען אַ נאַרישעם דרימלען?
איך גלויב ניט די אויגען, איך מיין איך בין בלינד

און ענדליך דערזעה איך — א דרימעל א זיסער
איז דאָס נאַר געוועזען. א חלום׳ל סתם
כ׳געפין זיך צוריק, אויף דער וועלט, אויף דער מאוס׳ר
צוריק אין דעם פינסטערען, וויסטען תהום

אויפ'ן בית-עלמין

עס איז תשעה באב היינט, צו דעם אלטען בית עלמין
געהט איילינ דער עולם, פון כעלות הבקר;
יחיאל'יק משורר, דער שמש דער הויקער
זיי איילען אהין מיט דעם חזן, ר' שלמה'ן

פיעל אָרעמע לייט.ווער אַהן הענד, ווער אויף קראַטשעס
זיי שטעהן און וואַרטען אויף קצבה, ביים טויער
ביים קברות יוד, דאָרט אין דער אַלטענקער מויער
דאָרט זיצען ר' סאַניע, און הערש — די מאַלאַטשעס

עס קומען צו אידען. מען קלייבט אויף א מנין
און באַלד זעהט מען מאַנסבלען, פערוויינטע נקבות
אַ־יעדען פון זיי זוכען זיינע מצבות
און תכף מיד, נעהמט מען זיך, צו דעם ענין

די טויטע בעוויינען — באַלד הערט מען יללות
פון ברידער, און שוועסטער, די אוי'ען — די וועה'ען
פון קליינע יתומים'לעך מאָדנע געשרייען
דעם ניגון סקאַרבאָווע פון צעהנדליגער מזלות

דער טאָג געהט אוועק. עס ווערט פוסט דער בית עלמין
מיט ליפען פערשמאַכטע, פערמאָרעט פון תענית
צוגעהן זיך אַלע יתומים, אלמנות
די טאַטעס און מאַמעס, נאָר גיטעל און קלמן

זיי שטעהן נאָך אַלץ נעבען זייער בת יחידה
זי ליגט מן הצד, ווייל זי האָט זיך דאָס לעבען
גענומען אליין נאָך אַ הילפלאָזען שטרעבען
געפאלען איז זי אַ צובראָכענע, מיעדע

געהאָפט האָט זי לאַנג, אַז צוריק וועט מען ברענגען
איהר חתן דעם קעמפפער, דעם בראַווען, ביז וואַנען
עס האָבען דעם קיסר'ס משחיתים טיראַנען
גע'משפט, מען זאָל איהם ניט שוינען, נאָר הענגען

דערוואוסט האָט דאָס פייגע, די שעהנע, די קלוגע
די טהייערע עדלע, די גוטע נשמה
די עלטערענס איינציגע שטיקעל נחמה
אַ צייט אומגעגאַנגען, אַזוי ווי משוגע

אַליין ארום הויז גאַנצע נעכט אומגעגאַנגען
ביז איין מאָל פאַרטאָג, איז דאָס אונגליק געשעהן
עס האָבען די הענער גענומען ערשט קרייהען
איז פייגעלע, לאַנג שוין, אין קעלער געהאַנגען

מען טאָר ניט ביי גאָט ברוך הוא פרעגען קיין שאלות
זאָגט קלמן מיט ביטערען קרעכץ צו זיין אשה
גענוג איז מיר דאַכט זיך, די חרפה, די בושה
פאַר וואָס זשע נאָך, קומט אונז, דער ביטערער דלות?

וואָס וואָלט דאָס געארט גאָט, — ער זאָל מיר באַצייטען
בעשערען אַ כשר'ע גוטע מציאה?
איך זאָל זיין בכוח, איך זינדיגע בריאה
איהר שטעלען, אַ שטיקעלע צאָם, ווי ביי לייטען

צו זינדיגען, ווייסטו, דאָס איז ניט מיין טבע
ניט מעהרער — איך פרעג, ביי דעם בורא גערעכטען

פאר וואס קומט דעם גזלן, דעם מענשען, דעם שלעכטען
ר׳ שימקע פראַצענטניק אַ שעהנע מצבה?

איך האָב ביי איהם קיין מאָל, געמאכט קיין הלוית
דאָך ווייס איך, אז ער האט, ביי פיעלע יתומים
אלמנות — דאָס איז דאָך צו ווערען נשתומם
אין פאסען, די הויט, אָבגעשינדען, משמעות

היינט ווער איז זיין יחום געוועז? זיין משפחה?
גנבים פון אָקסען, פון פערד און פון תבואה
קיין ששי, עס זאָל איהם ניט זיין צו קיין שמוכע
אליין האט עס קיין מאָל געקויפט קיין עליה

אוי! קלמן! זאָגט גיטעלע, לכל הפחות
איז שימקע פראַצענטניק, אַ איד דאָך געוועזען
איהם איז נאָך בכוח אַ זכות אויסצולעזען
פאר וואס קומט, אז כאפען זאָל איהם אַ קדחת

דעם פריץ, אז ווערען זאָל ער די כפרה
אַ מזל צו פראווען, אזעלכע וועלטען
ניט שטראָפען זאָל גאָט מיך, פאר זידלען און שעלטען
ער האט דאָך געבוים אַ גאנצע באַנדורע

להבדיל, אזוי ווי אַ מצבה צו זאָגען
און ווייסטו כאַטש וועמען?? זיין הינטעל אראפקע!
אזוי ווי אַ לעבעדיגם האלט עס די לאַפקע
פון שטיין אויסגעארבייט, צו אַלערליי קלאָגען!

אוי, ביטער, איז דאָס! ניט ווי דרך הטבע
אַ הינטעל בעצירט מען, מיט טהייערע שטיינער
און זי... אונזער פייגעלע׳ם ליכטיגע ביינער
זיי ליגען און פוילען נאָך אָהן א מצבה

און גיטעל און קלמן צו־וויינען זיך ביטער
עס רייסט זיי, דער וועהטאָג, דער שמערץ, יעדעס איבר
זיי זעצען אראָב זיך אויף פייגעלעס קבר
עס דונערט פון וויטען — באלד קומט אַ געוויטער

עס הויבט אָן צו בליצען, דער שטורם דערנעהרט זיך
די אָרעמע עלטערענ׳ס טרעהרען פליסען
אַ דינינקער רעגען באלד העלפט זיי בעגיסען
זייער פייגעלע׳ס קבר, און פלוצלינג דערהערט זיך

דער נאַכטיגאַל׳ס קלינגענדע מעכטיגע טענער
ניט וויט אויף אַ בוים, האָט דער זינגער געזונגען
וואָס האָבען בעדייטעט די טענער? דאָס קלינגען?
וואָס האָט עס בעדייטעט זיין ניגון דער שעהנער?

צו האָט ער בעוויינט די פערלאָשענע כוחות
די עדלע נשמות פון גיטעל און קלמן?
צו האָט ער געלאַכט אויפ׳ן גאַנצען בית עלמין
פון זייערע שווארצע פער׳חושך׳טע מוחות?? !

די בלום

געווידמעט דער העלדין פון לעאָ טאָלסטאָי'ס נאָוועלע „רעזוררעקשאָן."

אין גאָרטען פערשלעפערט פון פּרעכטיגע בשמים
האָט רוהיג אַ בלום זיך געבליהט און ענטציקט
פיעל זעעלען, מיט טהייערע זיסע פּאַרפיומים,
וואָס האָבען ערמונטערט, ערפרישט און ערקוויקט

צולאָזט איהרע בלעטעלעך, האָט זי זיך טעגליך
וואָס האָבען אַזוי ווי אַ יונגפרוי גערעדט
און האָבען געוואונקען, אַזוי ווי מיט אייגלעך,
און האָבען געצויגען צו זיך, ווי מאַגנעט

אַ היבשע צייט איז זיך אין גאָרטען געשטאַנען
די בלום און געגאָסען פּאַרפיומען פון זיך
נאָר אָט איז געקומען, מען ווייס ניט פון וואַנען
אַ זכר, אַ שעהנער, און האָט, ווי אַ ריח

די צאַרטינקע בלום פון איהר צווייג אָבגעריסען
און האָט זי צום הערצען געדריקט און געשמעקט
און ביז אין אַ צייט, אַ מאָמענט אַ געוויסען
האָט ער זי, מיט קושען, מיט הייסע בעדעקט

און ווי ער איז זאַט, מיט איהרע דופטען געוואָרען
האָט ער זי אָהן מיטלייד אַ שליידער געטהאָן

אזוי ווי א טרוקענעם שטעכיגען דארן
ווי וויסט און ווי פינסטער, זי איז יעצט, קוקט אן!

עס האבען די שטורעמס און אלערליי קלאגען
געשמיסען, געוואלגערט די בלום, טאג און נאכט
און טיעף טיעף אין זומפען און בלאטעס פערשראגען
און האבען א תל פון איהר ענדליך געמאכט

אוועק זיינען די אראמאטען די זיסע,
וואס האבען בעלעבט, און ערפרישט און ערקוויקט
עס הערען פון איהר, זיך געראוכען, היינט מיאוס'ע,
וואס מאכען די לופט, ווי פערפעסטעט, פערשטיקט

יעצט ליעגט זי צוטרעטען, צוקניפט און צוביסען
ווער ס'זעהט זי, דעם גיט פאר'ן הערצען א כאפ
און דער, וועלכער האט זי פון צווייג אבגעריסען
וואו נאר ער דערזעהט זי, גיט תכף א קלאפ

א שרעקליכער, שמערצליכער קלאפ אין זיין הערצען
ער הויבט אויף די בלום, און ער דריקט זי פעסט צו
אך, ווי וואלט ער גערן, געהיילט איהרע שמערצען
אוי, ווי וואלט ער גליקליך געוועזען, ווען זי

וואלט איהם יעצט, זיין גרויסען פערברעכען פערצייעט
יעצט, וויל ער זי האבען, פריש, מונטער אויפ'ס נייע
עס וואכט אויף אין מענשען דער מענש — ער בעראיעט
נאר ליידער צו שפעט! עס איז אלעס פערביי!

ווי ביטער עס ווערט איהם, דעם מענשען, ווי שווער!
די בלום איז געשטארבען. זי לעבט שוין ניט מעהר!

די הענד און די פּאָני

(איין געשפּרעך צוווישען צוויי רייכע יאהודים)

העללאָו! נו, ווי געהט עס, מיין פריינד, מיסטער
שווימער?
וועל, ווי זאָל איך זאָגען, מיין ליעבער הערר קליין?
פון בעס'רעס גיבט נימאלס קיין ענדע, דאָך שליממער
בעט איך ביי דען הערר גאָט, זאָל נימאלס מיר זיין

דער סיזאָן פון קלאָוקס, וואהר דען ווינטער איין גוטער,
נאָר אָבער מיין פרוי, וואהר מיר, אָהנלענגסט, זעהר
קראנק
אָך יאָ! אָפּפּראָפּאָו מיינע ליזא איז שוין מוטער
נון בין איך איין גראָספּאָטער שוין, גאָט זיי דאנק

זאָנסט געהט אלעס גוט, נאָר פּאר איייניגע וואָכען
האָב איך יא, איין טראָבעל איין קליינען געהאָבט
עס האָט אין מיין וועהרהויז, דאון טאָון, אויסגעבראָכען
איין פייער, עס וואהר אָבער, זאָפאָרט געסטאָפּט

יאָ וואָהל, יא! איך האָב דאָס אין דזשורנעל געלעזען
יאָ? ווירקליך? נון וויסען זי דאָך, יא! אָפּקאָס!
עס איזט ביי דען אונגליק, איין גליק נאָך געוועזען
זאָנסט ווערע דער עקסידענט צען מאָהל זאָ גראָס

מאָן האָט באלד צו לעשען גאַנץ ראש, אָנגעפאַנגען,
זאָנסט העטטען די טייפלען, די ארמע, די הענד

צוויי הונדערט ביינאהע, מחולה געגאנגען
זאָ האָט מען נאָר פיערצעהן געפונדען פערברענט

דאס האָט מיר איין וועהניג, די נערווען ערשיטערט
באלד אבער, איזט אלעס, נאַטירליך, פערביי
יא! נאָך דעם, האָט אבער, וואָס נייעס ערביטערט
מיין פרוי און די קינדער, איך האָב לעצטען מיי

אין אקשען פער צופאל, געקויפט איינע פאָני
צום שפיעלצייג די קינדער, דאס וואהר יא, איין פראַכט!
דאָס פפערדכען עס קאָסטעט ע האָול לאָט אָף מאָני
נון איזט עס דען דיענסטאַג דען לעצטען, ביי נאַכט

אויף איין מאהל, אין סטייבעל, צום באדען געפאלען
אונד האָט אויף דער שטעלע, גאַנץ איינפאַך, קראַפּירט
איך קען אייך דען שמערץ פון די קינדער, ניכט מאַהלען
די געהן, גאַנץ איינפאַך, ארום, ווי פערווירט

מיין פרוי האָט דריי טאַגען געגאָסען מיט טרענען
עס ווירד אהנע צווייפעל, זיי נעהמען גאַנץ לאַנג
זיי זאָלען צו דיעזען פערלוסט זיך געוועהנען
אונד ווירקליך, דאָס פפערדכען, עס טהוט מיר אויך באַנג!!

דעם פּראָלעטאריער׳ס קללה

מיין קללה אויף דעם בורזשוא, פערקריפּעלט האָט
דער הונד
מיין פאָטער דורך שווערער מיה, גערויבט איהם זיין
געזונד
זיין שכל, זיין פערשטאַנד האָט ער, כמעט גאָר, ווי
געטויט
געמאַכט איהם פאר אַ בלינדען שקלאַף, וואָס איז עד
היום גרייט
זיך מקריב זיין, צו לעגען זיך, גאָר פּשוט אין דער ערד
פאר גאָט, זיין הערר, און פאר זיין הערשער מיט דער
שארפער שווערד
ניט לאָזען איהם זיך בילדען, איז געווען זיין בעסטער
פּלאַן
און יעצט רופט ער איהם „איגנאָראַנט" און „גראָבער
דומער מאַן"

מיין קללה אויף דעם בורזשוא, ער האָט מיין מוטער
אויך
אריינגעטריבען אין זיין שאָפּ, און דאָרט גערויבט איהר
כוח
זי איז נאָך דאן אַ קינד געוועזען פון אַ אַכט—ניין יאָהר
געפּלאַגט האָט ער זי אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ס׳איז
קיין שפּור
פון איהרע כוחות ניט געבליעבען, און ווען זי איז,
ווי אַ שטיין

געקומען עלענד, אלס אלמנה, נאך א הילף צו געהן
האט ער געענטפערט: געה אין שאפ, דארט די
מאשינע טרי

ווער האט געהייסען קינדלען דיר? דו ליעדערליכעס
ווייב!

מיין קללה אויף דעם בורזשוא, ער האט מיר שוועס־
טער דריי
פערראונגליקט דורך פינסטערניש אין וויסטער
שקלאפעריי
די ערשטע האט פון שווערער מיה, די ערד, געקיהלט
גאר גיך
די צווייטע האט אוים נויטה, די הענד, אליין געלעגט
אויף זיך
די דריטע האט ער מיט שמייכלעריי, פערשפרעכונגען
אהן שיעור
בערוישט און האט איהר עהרע באלד, אוועקגערויבט
פון איהר
און ווען זי האט איהר רעכט געפאדערט, האט ער
זי געפלוכט
געראטען זי צו הרג'ענען פון ליידענשאפט, די פרוכט

מיין קללה אויף דעם בורזשוא, דעם געלד־זאק, דעם
טיראן
ער האט מיין ברודער אויך פערוואנדעלט אין איין
שארלאטאן
געמאכט איהם פאר א שופט, וואס קען גאנץ רוהיג,
מיט'ן קוק
צושפאלטען ביי זיין מיטמענשען דעם קאפ אויף
אכצעהן שטיק
דערפאר וואס ער קריגט אויף א ברויט, פון בורזשוא,
דעם ניקס

פערטיליגט ער זיין אייגען בלוט אין פלייש, מיט שווערד און ביקס
אָה, בורזשוא דו ווייסט אליין — דו קענסט מיר ניט זיין ליעב
איך שעלט דערפאר דיך בורזשוא, און גראָב מיט חאָם דיין גריב.



אין שפיטאַל

עראינערונגען פון גאָווערנער האָספּיטאַל, אין וועלכען איך בין געלעגען צוויי וואָכען, אויף דער קראַנקהייט, פון וועלכער מיר אידען, אָם מייסטענס ליידען.

ס'איז האַלבע נאַכט, און איך ליג קראַנק
איך הער, מען קרעכצט, מען וויינט
אין ווינקעל זיצט זיך, אויף אַ באַנק
דער וועכטער, ווי פערשטיינט

איהם האַרט דער וועהטאָג ניט, דער שמערץ
פון די וואָס ליידען דאָ
איך קוק אויף איהם, און טראַכט: קיין הערץ
איז ביי דעם מאַן ניטאָ

וואָס אַרען איהם די קראַנקע אַצינד
וואָס טראָגען אין זייער הערץ
אַ בענקעניש נאָך ווייב און קינד
וואָס פיהלען אַזאַ שמערץ?

וואָס האַרען איהם די קינדער דאָ,
וואָס גוסס'ן אליין?
און שרייען נעבעך: „מאַמעניו"
מיט ביטערען געוויין?

איך פיהל דאָס הערץ צורייסט זיך מיר
עס ווערט מיר קאַלט, באַלד היים

און זי, די נאכט? איז לאנג אהן שיעור
עס ווארפט מיך אין א שוויים

ס'איז שרעקליך דונקעל ארום מיר
און איך ביר נאר אים שטאנד
דעם שטן פון דעם שענדעליר
צו זעהן, אויף א וואנט

ער פלאטערט פונקט, אזוי ווי ער ציילט
איעדען קרעכץ און טריט
פון די וואס, וועלען זיין געהיילט
און די וואס וועלען ניט

עס דאכט זיך מיר אויס, אז ער רעדט
בסוד, צו מיר אליין
„ווער ווייסט, זאגט ער, ווער ס'ויעט פון בעט
פון אייך צוריק אויפשטעהן

דאס קינדעלע, וואס ליגט אט דא
וועט זיכער, שוין ניט מעהר
זיך זעהן מיט טאטע מאמעניו
אומזיסט איז יעדער טרעהר

די טאטע מאמע וועלען באלד
מיט אימפעט דא אריין
מיט א געשריי, מיט א געוואלד
דאס בעט, וועט ליידיג זיין.

דאס קינד, וואס מאכט זייער לעבען ליעב
וועט, דאכט זיך, נאך די נאכט
שוין ליעגען אין דער טויטען שטיב
אין קאסטען נומער אכט

דאָס זיסע פּנים׳ל וועט זיין
אָהן לעבען, קאַלט, ווי אייז
די אייגעלעך גאַנץ טיעף אריין
פאר ווערים נאָר אַ שפּייז

עס גרוילט מיין לייב, איך ליעג און טראַכט
אָה וועלכער פּיין און שרעק!
אָה וועט אַמאָל, די שוואַרצע נאַכט
פון דאַנען, ווען, אַוועק?

עס בלאָזט אַ בעזער קאַלטער ווינד
אין פענסטער ביי דער זייט
איך הער פון ווייטען וואָיען הינד
מיר, דאַכט זיך, ווי פון ווייט

הער איך אַ ווילדע ברומעריי
פון טיגערען און וועלף
מיר דאַכט, זיי לויפען מיר פערביי
דער זייגער קלינגט האַלב צוועלף

און צווישען זיי, הער איך, ווי שלענג
אויך זשיפּען אין דער מיט
עס ווערט אין האַלדז מיר, שרעקליך ענג
עס קיהלט אין מיר דאָס בליט

מיר דאַכט זיי טאַנצען ארום בעט
און רייצען זיך מיט מיר
אַ מאוס׳ע חיה, שווער און פעט
זי שרייט: „איך לאָך פון דיר!״

זי ווייזט איהר צונג צו מיר, און שרייט:
„אומזיסט האָסטו געקוועלט
געהאָפט, אַז קומען, וועט אַ צייט,
פון אַ בעגליקטער וועלט

אזא מין וועלט, וועט קיין מאָל זיין
עס איז א חלום נאָר
נאָר אונגליק, שרעק„ און נויטה, און פּיין
וועט געהן פון דור צו דור

די וועלט וועט קיין מאָל ווערען פריי
פון בעטלער און פון לאָרד
פון ביקסען, פולווער און פון בליי
פון בלוט־באָד, און פון מאָרד

און ס'וועט קיין מענשען ניט, קיין מאָל
ניט ווערען טהאָן, יענעמ'ס שמערץ
פערהארטעוועט, אזוי ווי שטאָל
וועט בלייבען יעדענס הערץ

און דענקערס, וועט אַ יעדער דור
רק הערען, ווי די קאַץ
פאר פיעלע בויען תפיסות נאר
פאר איינעם א פּאלאטץ

און גיפטיג קלינגט זייער יעדעס וואָרט
אין שטילקייט פון דער נאַכט
און פון אַ ווינקעל שטוב, פון דאָרט
הער איך — מען שטיפט, מען לאַכט

אַ יונגער דאָקטאָרעל דאָרט זיצט
אַ שעהנע נוירם מיט איהם
זיי זיינען ציכטיג אויסגעפּוצט
און בלייבעןביידע שטים

און בלינד און טויב צו יעדען קרעכץ
וואָס רייסט, פון מיר, זיך אויס
עס שטראַהלט מיט גיפט און אַלדעס שלעכטס
פון איהם און פון דער נוירס

זיי לאכען מיט מיט אלע וועלף
פון נויטה און שמערץ און פיין
דער זייגער קלאפט אוים, לאנגזאם צוועלף
און ענדליך — שלאף איך איין

און לייכטער ווערט מיר מיין געמיטה
און לינדער ווערט מיין שמערץ
איך פיהל אזוי בעקוועם און גיט
און גרינג ווערט מיר דאס הערץ

איך הער אויף וועלף און טיגרען זעהן
עס בייט זיך אום דאס בילד
און אלעס ארום מיר, ווערט שעהן
און צארט און ליעב און מילד

איך שלאף געשמאק א לאנגע צייט
און ווען איך כאפ זיך אויף
שטעהט שוין דער דאקטאר ביי דער זייט
איך קוק צו איהם ארויף

און צארט און פריינדליך איז ער יעצט
און ליעבליך זיין געזיכט
אט האט ער זיך אוועקגעזעצט
דאס געהט ער טהאן זיין פפליכט

און צערטליך ווישט ער אוים מיין וואונד
און מאכט מיר אלץ בעקוועם
אט באלד, זאגט ער, ווערט איהר געזונד
און געהט צוריק אהיים

און ליעבליך איז איצט אויך די נוירס
זי שמייכעלט אזוי זים
די קישענס קלאפט זי צערטליך אוים
און דעקט מיר איין די פים

און טוליעט צו איהר וואַרימע ברוסט
גאַנץ נאָהענט צו מיין הערץ
און פרעגט צו פרעסט מיך ניט דער הוסט
צו פיהל איך מעהר קיין שמערץ

אין פענסטער שיינט די זונן אריין
דער פרישער מאָרגען שמעקט
און אַלץ איז קלאָהר, און העלל און פיין
קיין זאַך ניט שמערצט ניט שרעקט

די חלאים הער איך ניט
מעהר קרעכצען ווי ביי נאַכט
אין יעדענס פנים שפיעלט דאָס בלוט
איעדער שמייכעלט לאַכט

און טריללען הער איך וואו ניט ווייט
פון שוועלבעלעך, ווי שעהן
איך הער זיך צו אַ לאַנגע צייט
און טראַכט צו זיך אליין

דאס איז דער טאָג, דער זיסער טאָג —
ניט זי, די ביט'רע נאַכט
די נאַכט, וואָס ברענגט נאַר פיין און פלאָג
אָה פינסטערניש! דיין מאַכט

זי פייניגט, ברענט און בראָט און שטעכט
מאַכט ס'לעבען לעהר און פוסט
אָה פינסטערניש ווי ביזטו שלעכט
אָה ליכט, ווי גוט דו ביזט!

צום האָבּען

אין איינעם פון ריווערסייד'ס רייכע פּאַלאַצען
פערקלינגט דער אָרקעסטער, דעם שעהנעם סאַלאָן
עס פליהען אום קעלנערס, מיט זילבערנע טאַצען
עס פינקלען בריליאַנטען, עס שמעקט דער קאָלאָן

עס קנאַקט דער שאַמפּאַניער ארויס פון די פלעשער
אונד ער זעלבסט דער ווירטה, פון דעם פּראַכטפּאַלען פעסט
איין דייטשער יאַהודי, איין גלאַטער, איין פעשער
עמפּפאַנגט מיט זיין פרוי, ביי דער טהיר, אלע געסט

און איינס נאָך דעם אַנדערען קומען אָן דאַמען
מיט מענער אין פּורפּור און סאַמעט פערהילט
דער ווירטה אליין, רופט אוים, איעדען זיין נאָמען
און באַלד ווערט אַ וויוואַט אַ שעהנער געשפּיעלט

און וואָס איז די שמחה? זיין טאָכטער איין פריילען
איין פעשע בריאַנעטין ווערט אַלט 16 יאָהר
עס קומען דעפּעשען פון טויזענדער מיילען
אין אויפרעגונגלעך קריעגט יעצט, דאָס פריילען, אַ פּאָאָר

פון פאָטער, די זעלטענסטע שוואַרצע, צוויי פּערלען
אימפּאָרטעט פון יוראָפּ גאַנץ עקסטרא פאר איהר
עס שמייכלען זי יעצט, עלעגאַנטע פיעל הערען
און יעדער פון זיי, טראַכט: אַ כלה פאר מיר!

דער פאָטער און מוטער זיי זיינען זעהר פריילין
און קוקען מיט שטאָלץ צו די יונגען, די קנאַבּען

ווי איינער זאָגט : קום חתן דומה למלך
יא וואָהל יא ! דאָס טעכטערכען, איז שוין צום האבען
זי איזט שוין צום האָבען

אין איינער פון צווישען די איסט סיידער שטיבער
ווען דאָרט אין פאַלאַץ, קלינגט די זיסע מוזיק
דאָרט הערט זיך אַ קלאָגען: „אוי גאָטעניו ליעבער
דו האָסט מיין נשמה, צוריסען אויף שטיק

נאָר איין בת יחיד׳קעלע האָסטו מיר געגעבען
איז איידער זי איז נאָך געווען, 8 יאָהר אַלט
האָט זי שוין אין שאָפּ געמוזט מאַכען אַ לעבען
דאָרט פלאָגען איהר קינדערשען שוואַכען געשטאַלט

אוי, 16 יאָהר איז זי געוואָרען ערשט נעכטען
און זעה פון דער אַרבייט, אַ קלאָג איז צו מיר
פון זיצען טאָג טעגליך, אין שטויב אין געדיכטען
שוין פוילען די לינגעלעך, נעבעך, ביי איהר

גערהאָפּט צו דערלעבען אַ שטיקעלע שמחה
אַ שטיקעלע נחת, צו זעהן פון מיין קינד
און פּלוצלינג, ניטאָ אויף דער וועלט, אַזאַ מומחא
וואָס זאָל מיר מיין קינדעלע, מאַכען געזינד

די קראַנקע, זי ליעגט אין אַ בעט, אויסגעצויגען
אַ בלאַסענקע נעבעך, און צאַנקט ווי אַ ליכט
און איהרע פּערלען ? — דאָס זיינען די אויגען
וואָס שיינען ארויס פון איהר צאַרטען געזיכט

ניטאָ קלאָגט די מאַמע, אַזוינע זכות אבות
וואָס זאָלען דעם טויט פון מיין קינד יעצט פערטרייבען
איך קוק אויף דער קראַנקער און טראַכט : מלאך המות,
נו קום צו דער כלה ! זי איז אויך צום האָבען,
זי איז אויך צום האָבען

אויף דעם חורבן פון מיין פאָלק

צום אָנדענקען פון דעם טרויער־מאַרטש אין ניו יאָרק, דעם 4טען דעצעמבער, 1905, צו עהרע פון די גע'הרג'עטע ביי דעם קישענעווער פאָגראָם.

מיין הערץ איז אַזוי ווי אַ וואַקס מיר צוגאַנגען
פון וועהטאָג, פון ביטערען שמערץ
אַזוי ווי מיט הייסע, מיט גליהענדע צוואַנגען
אויף שטיקער צוריסען מיין הערץ

האָט מיר די פּאַראַדע, די גרויסע לויה
געהערט האָב איך אין דער מוזיק
דאָס ווילדע געשריי פון דער מענשליכער חיה
וואָס האָט אָהן רחמנות אויף שטיק

פונאַנדערגעריסען די גליעדער בעזונדער
פון מאַמעס געשניטען די בריסט
געקוילעט ווי שייפעלעך אידישע קינדער
די וואונדען פערשאָטען מיט מיסט

געהערט האָב איך אין דעם געזאַנג די גסיסה
ס'פערצווייפעלטע ביטער געשריי
מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זעה זעהר מיתה
איך הער יעדען „אוי”, יעדען „וועה”

די הייזער, די קראָמען די גרויסע מסחורים
די ריעזען געביידעס אין סטריט

זיי האָבען מיר אויסגעזעהן אַלע ווי קברים
בענעצט מיט דעם אידישען בלוט

געמישט האָט אין קאָפּ זיך מיר ליכט מיט טליתים
אויף יעטווידען שפּאַן נאָר אַ זאָרג
מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געהן די מתים
דאָס געהט פון סקעלעטען אַ באַרג

געזעהן האָב איך דאָרט, וואָס מיין פאָלק האָט געטראָפען
דעם חורבן וואָס דאָרט איז געשעהן
עס זיינען מיט בלוט מיר די אויגען פערלאָפען
כ'האָב פאַר זיך דעם וועג ניט געזעהן

אוי ווער קען זיך מאָהלען דעם שרעק, די סכנות
יתומים'לעך געהען אָרום
און זוכען די מאַמעס, אַזוי פיעל קרבנות
וואו איז ער דער בורא עולם?

אַ הונד איז בערייט אייך אויף שטיקער צופליקען
קוים ווילט איהר צום הינטעלע געהן
און דאָ האָט אַ מאַמע געמוזט שטעהן און קוקען
ווי איהר קינד ווערט צושניטען אויף צוויי'ן

געפייניגט, געוואָרגען פון ווילדע טייוואָלים
וואָס לאָזט ער אָרום געהן זיי פריי?
ווי לאָזט ער זיי לעבען די מלאכי חבלים
צו איז דאָס זיין רצון דערביי?

ווי קען ער עס זיצען אויבען און דרעמלען?
וואָס זעהט מען ניט בליצען זיין שווערד?
וואָס שפּאַלטען ניט אויף זיך, דאָרט אויבען די הימלען?
וואָס עפענט ניט אויף זיך די ערד?

וואָס נעהמט ער אַצינד ניט די סדום ועמורה
און קערט זיי ניט איבער, ווי דאַן ?
עס רייסט און עס לעסטערט זיין הייליגע תורה
א חיה, וואָס הייסט „הוליגאַן”

און גאָרניט ! ווי זענען עס ערגעץ די אבות
ווי איז רחל און לאה ? יא ווי ?
און געהענדיג אָט מיט אַזוינע מחשבות
בין איך צו מיין הויז ווידער צו

די גרויסע פּאַראַדע איז ענדליך פאַראיבער
און איך האָב אַ צייט נאָך געטראַכט
וואָס בלייבט מיינע אָרעמע ברידער יעצט איבער
צו טהאָן אום, צו קריגען אַ מאַכט

אַ שטיקעלע ווערטה כאַטש, אַ ברעקעל ממשות
דאָס לעבען זאָל זיי ניט זיין מאוס
מען זאָל זיי ניט יאָגען אויף ימים, יבשות
ניט וואַרפען דעם גט צו די פּיס

ווי קענען מיר קריגען איין אמת'ע השגחה ?
ווער וועט פאַר אונז טהאָן עפּעס רעכטס ?
צו זענען מיר דאָ ניט קיין פרעמדע משפחה ?
וואָס העלפט מען אונז דאָ ? מיט אַ קרעכץ ?

צו האָט דער פאַראַד מיינע ברידער געהאָלפען ?
בעטראַכט נאָר מיין פאָלק ס'אַרא כוואַט ?
אַן עושר אַ גרויסער, און דאָך אַזאַ דלפון
וואָס וואַלגערט זיך אום נע ונד

געוואַלד, וואָס זשע טהוט מען ? ווי נעהמט מען איין עצה
די מכה, זי טהוט אַזוי וועה !

און פּלוצלינג האָט מיר, ווי אַ מלאך אין פּלייצע
אַ קלאַפּ געטהאָן, מיט אַ געשריי

יא! איין עצה איז פאַראַנען — אַוועק מיט די שטותים
נעהם ישראל׳יק אַ וואָפע אין דיין האַנד!
פערטהיידיג זיך בראוו, ניט פערלאָז זיך אויף נסים
און זוך דיר איין אייגענעם לאַנד

גענוג דיר געוועזען אַ גאַסט און געשלאָפען
היינט ביי יענעם און מאָרגען ביי דעם,
אין מזרח אין מערב, אין דרום אין צפון
אַנטלויף ווי עס איז, נאָר אַ היים

איין אייגענע היים, דאַרפסטו האָבען מיין אומה
נאָר מאַך זי מיט שכל, מיט טאַלק
דאן וועסטו בעשיצט זיין אין האָבען א תקומה
מיין שוואַכעס, דאָך מעכטיגעס פאָלק.

ראטהשילד.

א בעשרייבונג פון ר׳ מאיר אַנשעל ראָטהשילד אוים פראַנקפורט, וועלכער איז געוועזן דער פאטער פון דער איבעראַל בעוואוסטע רייכע פאַמיליע ראָטהשילד.

פון נ. מ. שייקעוויטש.

כמעט יעדער איד האט געהערט, אז דיא בעריהמטע פאמיליע ראָטהשילד איז דיא רייכסטע אין דער גאנצער וועלט, אָבער זעהר ווייניג וויסען וויא אזוי זייא זיינען געקומען צו אזא אונגעהייער רייכטהום.

אין דיעזען בוך ווירד ערצעהלט אלעס גענוי אונד פינקטליך וויא

ר׳ מאיר אנשיל ראטהשילד,

דער גרינדער פון דיא באנק־הייזער ראָטהשילד, א בית־המדרש איננעל האט זיך דורך פלייס אונד ארבייט, אונד איבערהויפט דורך עהרליכקייט זיך ארויפגעארבייט אויף א רייכע באנק־הויז, אונד איז ענדליך געוואָרען דיא רייכסטע באנק־געשעפט אין דער וועלט.

יעדער איד וואס אינטערעסירט זיך צו וויסען דיא געשיכטע פון זיין פאָלק, דארף דיעזען בוך לעזען, ווייל אויסער וואס זיא איז זעהר שפאנענד אונד אינטע־רעסאנט, איז זיא אויך בעלעהרענד אונד דערצעהלט אייך א שטיק אידישע גע־שיכטע וואס מיט אידען האט פאסירט צו יענער צייט.

דאס בוך ראָטהשילד איז פול מיט דיא מערקווירדיגסטע אונד איבער־ראשענדע פאסירונגען אונד צייגט אייך דעם קאמפף פון עהרליכקייט געגען פער־דאָרבענהייט, פון מאָראל געגען אויסגעלאסענהייט אונד איז נור דורך עהרליכקייט אונד דערבייא פלייס אונד ארבייט קען מען קומען צו דעם לייטער פון הצלחה.

פרייז 15 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און צייטונגס־סטענדס, וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., New York.

טוביה חייקעל שלים־מזל.

א בוך פול מיט הומאר.

פון א. ד. אגוז.

דער פערפאסער פון „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", האט אונז יעצט מופה געווען מיט א נייע ווערק וועלכע הייסט „טוביה חייקעל שלים־מזל". אין דיזע ווערק גיט ער אונז א טיפ פון א רוהיגען און געלאסענעם מענשען, וועלכער איז צופריעדען מיט גאט'ס וועלטעל און מיט אלעם וואס אויף איהר איז, און אויף אלע אונגליקען און פורעניות'ן וואס אויף איהם קומט, זאגט ער „גם זו לטובה". ער שרעקט זיך פאר קיין זאך ניט אפ און ווערט אויך פון קיין זאך ניט איבערראשט; ער קוקט אויף אלעם גלייכגילטיג, ער איז ניט פערזארגט און ניט פערהאוועט, ער איז ניט קיין אין להעשיר, ער וויל ניט נעהמען דאס גליק מיט גוואלד, ער טהוט זיין ארבייט און פיהרט זיין ביזנעס גאנץ געלאסען, טרייעט זיין בעסט אויף א נאטירליכען וועג צו מאכען אן ערפאלג, און ווען עס געהט שלים=מזל'דיג ווערט ער ניט פערצווייפעלט און זוכט עפעס אנדערש. ביי איהם איז ניט דאס, איז יענעס, איז ניט היינט, איז מארגען, איז ניט היי=יאהר, איז איבער א יאהר. ער גיט קיין מאָהל זיין האפנונג ניט אויף.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

האט זיין נאמען „שלים־מזל" כשר פערדיענט, ווייל ער איז נעבאך א שלים־מזל פיעלייכט אייגער אין דער וועלט, עס איז גאר זיין גלייכען ניטא. צו וואס ער נעהמט זיך און וואס ער טהוט און עס דוכט זיך אז אט, אט ווערט ער שוין אן עשר, לאזט זיך דערפון אויס א בוידעם, ער טהוט — דוכט זיך — גלייך און עס לאזט זיך אויס קרום, עס פאלט אלעם ביי איהם מיט די פוטער אראפ.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

איז א בוך פול מיט הומאר און וויטץ, אבער אין דער זעלבער צייט איז דאס אויך א קריטיק איבער אונזערע איינגעוואנדערטע ברידער, וועלכע האפען זיך אלע ווילע צו אנדערע פרנסות.

קויפט און ליעזט דיעזען בוך און איהר וועט זיך גוט אמוזירען, אויב איהר האט הנאה געהאט פון דעם פערפאסערס ערשטען בוך „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", וועט איהר יעצט מעהר הנאה האבען פון זיין צווייטען בוך „טוביה חייקעל שלים=מזל".

פרייז 40 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

50-52 Eldridge St., New York

גאבריעלא ד'אנונציא'ם ערצעהלונגען

איבערזעצט אין אידיש פון מ. זילבערמאן.

גאבריעלא ד'אנונציא איז דער גרעסטער רעאליסטישער שרייבער פון איטאליען און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע איירא־פעאישע שפראכען, אין איניגע לענדער זיינען מאנכע פון זיינע ווערק פערבאטען געווארען צו דרוקען, וויל זיי זיינען זעהר רעאליסטיש גע־שריעבען.

„גאבריעלא ד'אנונציא'ם ערצעהלונגען", וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען ענטהאלט די פאלגענדע צעהן ערצעהלונגען, וועלכע זיינען די בעסטע וואס ער האט געשאפען, נעמליך:

1 די אלמנה.	6 אן אידיליא.
2 אונטער'ן רעגען.	7 ארסאלא.
3 סינאר פעפא.	8 דער איבערשיפער.
4 טאטא.	9 מונזשיא.
5 עפיסקאפא.	10 אננא'ס לעבען.

דאס בוך איז שעהן געדרוקט און פראכטפאל געבונדען.

פרייז בלויז 60 סענט

(פארטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge St., New York.

פאָליטישע עקאָנאָמיע

איהר ענטשטעהונג און געשיכטע

פון א. ש. זאַקס.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויסענשאַפט פון דעם מענשען'ס שאַפען אוןווירקען, האנדלען און וואנדלען ווען ער איז צוזאמען מיט נאָך אנדערע אין געזעלשאַפט.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די לעהרע פון די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט, זי לערענט דעם מענשען ווי ער זאָל ארבייטען און ווי ער זאָל זיין ארבייט בעסער אויסנוצען.

פאָליטישע עקאָנאָמיע לערענט ווי אַזוי אַלע זאכען וועלכע זיינען נעטהיג צום מענשען'ס לעבען ווערען פּראָדוצירט, ווי אַזוי זיי ווערען פאר־נאַנדער געטהיילט און ווי אַזוי זיי ווערען פערברויכט.

ווילט איהר וויסען ווי אַזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט פיהרט זיך יעצט ?

ווילט איהר וויסען ווי אַזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט האָט זיך אמאָל געפיהרט אין די אַלטע צייטען ?

ווילט איהר וויסען ווי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט דאַרף ווערען געפיהרט צום וואָהל און בעסטען פון דער גאַנצער מענשהייט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס איז דעם מענשען'ס אויפגאבע אין דער געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען ווי אַזוי זיך צו מאַכען ניצליך אין דער געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט פּראָטעקשאָן און פרי טרייד ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט קאַפּיטאַליזמוס און סאָציאַליזמוס ?

דאַן קויפט און לעזט „די פאָליטישע עקאָנאָמיע" פון א. ש. זאַקס, וועלכע איז יעצט ביי אונז ערשיענען אין א פּראַכט־אויסגאַבע און ווערט פערקויפט צו א ספּעשעל ביליגען פּרייז פון

פּרייז בלויז $1.25

(פּאָרטאָ פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א נייעס אין דער אידישער ליטעראטור!

עס איז ערשיענען אין אידיש א

געאגראפיע

— פון —

אלכסנדר הארקאווי.

איינגעטהיילט אין דריי אבטהיילונגען:

1. מאטעמאטישע געאגראפיע
2. פיזישע געאגראפיע
3. פאליטישע געאגראפיע.

מאטעמאטישע געאגראפיע בעהאנדעלט די ערד אלס הימלישען קערפער. זי בעשרייבט איהר פארם, ווייזט אן איהר גרויס און ערקלערט איהר בעוועגונג אין וועלט־רוים; זי לערנט, ווי די ערד איינצוטהיילען און ווי צו בעשטימען די לאגע פון ערטער אויף איהר. די בעשרייבונגען און ערקלעהרונגען פון דיעזער אבטהיילונג פון געאגראפיע זיינען געגרינדעט אויף אסטראנאמיע.

פיזישע געאגראפיע בעצייכענט די פערשיעדענע פארמען פון לאנד און וואסער, ווי די נאטור האט זיי געמאכט: וועלט־טהיילען, אינזלען, בערג, טהאלען, ימים, טייכען א. ז. וו.; ערקלערט געאלאגישע ערשיינונגען, ווי ערד־ציטערניסען און אויפרייסונגען פון וואולקאנען; שילדערט לופט ערשיינונגען: ווינטען, טומאן, רעגען, שנעע, וועטער, קלימאט, אפשפיעגלונגען פון ליכט א. ז. וו. און בעשרייבט די פערשיעדענע מינים פלאנצען און חיות, וועלכע געפינען

זיך אויף דער ערד. דיעזע אבטהיילונג פון געאָגראַפיע בערוהט אויף נאַטור־וויסענשאַפט.

פּאָליטישע געאָגראַפיע בעשרייבט די ערד לויט איהר איינטהיילונג אין מדינות און גיט ידיעות וועגען נאַציאָנען, פעלקער, זייערע ציוויליזאציאָנען, רעליגיאָנען, בעשעפטיגונגען, פאָרמען פון רעגיערונג א. ז. וו. דיעזע אבטהיילונג פון געאָגראַפיע געהערט צו עטנאָגראַפיע אָדער פעלקער־בעשרייבונג.

וואס דער פּערפאסער זאגט אין פּארווארט צו דער „געאגראפיע":

אין אידיש זיינען שוין געשאַפען געוואָרען א שעהן ביסעל בעלעהרענדע ווערק פיר די נוצען פון אונזערע מאַסען; אָבער עס איז א מערקווירדיגע זאַך: וועהרענד אונזער ליטעראַטור איז פערהעלטניסמעסיג רייך אין פערפאַסונגען איבער הויכע ענינים, ווי קולטור־געשיכטע, נאַטור־וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע א. ז. וו., איז זי גאַנץ אָרים אין ווערק איבער עלעמענטאַרע (אָנפאַנגס־) קענטניסע, וועלכע זיינען דער גרונד־שטיין פון בילדונג און א נויטהיגע פאָר־שטופע צו די דאָזיגע הויכע געגענשטענדע. בעזאָנדערס איז ביי אונז געבליבען לעדיג דער אָרט פיר געאָגראַפיע, וועלכע איז פיעלייכט די וויכטיגסטע פון אלע עלעמענטאַרע ידיעות. אויסצופילען דיעזען לעדיגען אָרט אין אונזער בעלעהרענדער ליטעראַטור ערשיינט דיעזעס ווערק: געאָגראַפיע אָדער בעשרייבונגען פון דער ערד.

ארויסגעבען א געאָגראַפיע אין אידיש איז געוועזן דער טרוים פון דעם פערפאַסער זייט פיעלע יאָהרען און ער שעצט זיך יעצט איבער־גליקליך, וואָס דיעזער חלום זיינער איז ענדליך פערווירקליכט געוואָרען, ער האָפט אז דיעזעס ווערק וועט געפינען א גרויסע פערברייטונג צווישען אונזערע מאַסען, וועלכע נויטהיגען זיך אזוי שטאַרק אין די ידיעות, וואָס ווערען אין איהם געגעבען.

די געאָגראַפיע ענטהאַלט א גרויסע צאָהל צייכנונגען, בילדער און מאַפּס מיט ערקלעהרונגען, איז געדרוקט אויף דעם בעסטען, שעהנסטען און טהייערסטען פּאַפּיער און געבונדען אין צוויי עקסטראָ שעהנע פּראַכט־בענדער.

פּרייז בלויז 3 דאלאר

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., New York.

געקליבענע שריפטען

— פון —

אנטאָן טשעכאוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

אין 4 פראכטפאָלע בענדער

אינהאלט פערצייכניס פון די פיער בענדער:

1טער באַנד

1. די נקמה.
2. וואָס אַן אַנגעקלאָגטער האָט דערצעהלט.
3. א בעקאַנטער מאַנספאַרשוין.
4. א גליקליכער מענש.
5. א רפואה געגען שכרות.
6. א טהעאטער דירעקטאָר אונטער א זאָפע
7. די ענגלענדערין.
8. דער אויסרופונגס-צייכען.
9. דער רעדנער.
10. א קונסט-ווערק.
11. דער נצחון פון א זיעגער.
12. דער ממזר.
13. אַן עלענדע בעשעפנים.
14. א טהייערער קינד.
15. אויס די שריפטען פון א אויפגערעגטען מענשען.
16. זומער געסט.
17. א רעטהזעלהאפטע נאטור.
18. דער טוידט פון א בעאמטען.
19. די מכשפה.
20. נערווען.
21. דאָס איז געווען זי.
22. איבערגעזאלצען.
23. איבעריגע מענשען.
24. דער שלעכטער אינגעל.
25. א מעשה מיט א שוהל-אינגעל.
26. א שריפטשטעלער.
27. אַן אונגעוועהנליכער מענש.
28. דער קרומער שפיעגעל.
29. א פאַמיליען-פאָטער.
30. א גוטער סוף.
31. אין באָד 1.
32. אין באָד 2.
33. דאָס לעזען.
34. דער ערשטער ליעבהאָבער.
35. די פאסירונג.
36. דער פאססאזשיר פון דעם ערשטען קלאָס.
37. אונפאָרזיכטיגקייט.
38. דער קלוגער וועכטער.
39. די שטיוועל.

2טער באנד

1. דער אנטלאָפענער.
2. א בלבול.
3. פינסטערניש.
4. לעבעדיגע סמנים.
5. דעם קאפיטאן'ס יוניפארם.
6. דער מאַן.
7. די פאלאטע נומער זעקס.
8. אַן אונגליק.
9. די ארומשפרינגערקע.
10. אריאדנא
11. גנבים
12. נו, פובליקום!

3טער באנד

1. די ליידענדע
2. די דאמען
3. אין דער פאסט אבטהיילונג
4. ביים בארבער
5. דער שפיגעל
6. די שכנים
7. דער אונטערזוכונגס־ריכטער
8. שונאים
9. די דאמע מיט'ן הינטעל
10. א צרה
11. ווייבער
12. א פאל פון פראקטיק
13. וואלאדיא דער גרויסער און וואָלאדיא דער קליינער
14. שטארקע געפיהלען
15. שווערע מענשען
16. אננא אויף דער האלדז
17. א נערוועזער אנפאל
18. קלייניגקייטען פון לעבען

4טער באנד

1. וואינקא
2. שלאפען ווילט זיך
3. אניוטא
4. וואס זי האט דערצעהלט
5. דער געבורטס־טאג
6. די פויערים
7. וואלאדיא
8. נשמה'ניו
9. אהן א נאמען
10. דער פאטער
11. קעסטניקעס
12. די אפטהעקערקע
13. דאס ווייב
14. די מוהמע
15. די כאריסטקע
16. די פארבלאנדזשעטע
17. בענקעניש
18. אגרעסען

פרייז בלויז 3 דאלאר
(פארטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.

אנקעל טאם'ס קעבין

— אדער —

די שווארצע שקלאווען אין אמעריקא

— פון —

הערריעט ביטשער סטאו

איבערזעצט אין אידיש

פון י. יאפפא.

אנקעל טאם'ס קעבין איז געשריעבען געווארען מיט פופציג יאהר צוריק, אין דער צייט ווען דער האנדעל מיט שווארצע שקלאווען האט עקסיסטירט אין אמעריקא.

די פערפאסערין, הערריעט ביטשער סטאו, האט מעהר ווי א העלפט פון איהרע יאהרען פערבראכט צווישען די שקלאווען, און אזוי ווי זי איז געווען א הויך־בעגאבטע און געבילדעטע פרוי מיט גרויסע מענשליכע גע־פיהלען, האט זי שרעקליך געליטען פון די גרויל־טהאטען, וועלכע זיינען בע־גאנגען געווארען געגען די אונגליקליכע, און זי האט בעשלאסען דיעזע גרויל־טהאטען בעקאנט צו מאכען פיר דער וועלט.

זי האט יאהרען־לאנג געקליעבען מאטעריאל פאר איהר בוך, און אז זי האט געזעהען, דאס זי האט שוין גענוג פאקטען אויף ארויסצוטרעטען פאר דער וועלט און בעווייזען ווי ווייט מענשען קענען ווערען חיות רעות געגען אונגליקליכע, אונבעשיצטע מענשען, וועלכע זיינען מיט געוואלד צו־גענומען געווארען פון זייער לאנד און האבען דאס אונגליק צו האבען א שווארצע הויט, האט זי דאן איהר בוך ארויסגעגעבען.

ווען דער בוך איז ארויס, האט־ער אנגעמאכט א שרעקליכען שטורם אין דער גאנצער וועלט. מען האט געוואוסט אז יעדער ווארט איז אמת, אבוואהל אזעלכע שרעקליכע פאקטען, ווי אין איהם ווערען געבראכט, זיינען געווען קוים גלויבליך. מיט וועלכער היץ דער בוך איז געכאפט גע־ווארען, ווייזט דער פאקט, אז אין עטליכע טעג זיינען איבער צעהן טויזענד

ביכער פערקויפט געוואָרען און איבער דריי הונדערט טויזענד אין א יאהר. אכט גרויסע דרוק מאשינען האָבען געארבייט טאָג און נאכט און האָבען קוים געקענט נאָכקומען דעם פערלאַנג פון די ביכער. אין א פּאָר יאָהר איז ער איבערזעצט געוואָרען אין ניינצעהן שפּראכען און פינף מיליאָן עקזעמפּלאַרען זיינען פערקויפט געוואָרען. אזא גרויס פערברייטונג האָט נאָך קיין בוך נים ערריי‏כט.

די ווירקונג פון דעם בוך איז געווען אזוי ווי דער גליהען פון א פייער׳ל אונטער א וואלד מיט טרוקענע האָלץ. דער הימעל האָט געגליהט מיט די שטורמישע געפיהלען, וועלכע האָבען געשוועבט איבעראל און זיינען זאָגאר אריבער דעם גרויסען אָקעאַן, ביז עס האָט געשיינט, אז די גאַנצע וועלט האָט מעהר נים גערעדט ווי נור ארום דעם בוך

אַנקעל טאָם׳ס קעבּין

דער געפיהל געגען שקלאַווערײ, אז שקלאַווערײ זאָל אָבגעשאַפט ווערען איז שוין לאַנג געווען אין אַמעריקא, און פיעלע גרויסע מענער זיינען אויפגעטרעטען געגען דעם, אָבער די פיהרער פון די שקלאַווען שטאַאטען אין די סאַוטה זיינען געווען זעהר מעכטיג און עס איז געווען שווער עטוואָס אויסצופיהרען; אויסער דעם האָבען זיי געהאַט א גרויסע מאַכט אין דעם קאָנגרעס פון די פעראייניגטע שטאַאטען.

עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז ווען „אַנקעל טאָם׳ס קעבּין" איז ארויס אין דער וועלט און האָט אויפגערודערט אַלע נאַציאָנען, האָבען די פערטהיידיגער פון דער שקלאַווען סיסטעם, וועלכע זיינען דאַמאַלס געווען אין פולער מאַכט, נים געשוויגען און האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכע אָפּ־צושוואַכען די שרעקליכע שילדערונג אין דעם בוך, זיי זיינען אויף דער פערפאַסערין ארויפגעפאַלען מיט זלזולים און פערלײמדונגען, אז די בילדער וועלכע זי האָט געמאָהלען זיינען פאַלשע און אויסגעטראַכטע, און זיינען גאָר קיין מאָל נים פאָרגעקומען. די פּאָליטיקער און זייערע גלחים האָבען זי פערדאַמט, און אין פערשיעדענע סאַוטה שטאַאטען האָט מען דאָס בוך פערבאָטען צו פערקויפען.

איהר ענטפער צו איהרע אַנגרייפער פערנעהמט א גאַנצען בוך מיט פאַקטען פון פערשיעדענע געריכטען און געזעץ־ביכער, מיט וועלכע זי איי־בערציינגט אז אַלעס וואָס זי האָט געשריעבען האָבען אין דער ווירקליכקייט פּאַסירט. דיעזע אַלע פאַקטען זיינען איהר געשיקט געוואָרען פון אַדװאָ־קאַטען און ריכטער, וועלכע זיינען געווען געגען שקלאַווערײ און האָבען פאַר איהר אויסגעזוכט דעם בעסטען מאַטעריאַל אויסצופיהרען איהר צוועק.

א וועלט מיט מענשען איז איהר געשטאַנען צו הילף מיט ראַטה און טהאַט און דאָס האָט איהר געהאָלפען צו מאַכען איהר בוך נים נאָר פאַר איין אינטערעסאַנטע און הערצרייסענדע ערצעהלונג, זאָנדערן פאַר א

פייערדיגען רוט נעגען א סיסטעמע, וועלכע מען האט שוין מעהר ניט גע־קענט פערטראגען.

א יאהר שפעטער נאכדעם ווי עס איז ערשיענען דאס בוך

אָנקעל טאָם'ס קעבין

איז איינבערעהעם לינקאלן ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון די פער־אייניגטע שטאאטען, און ער האט ארויסגעלאזען א פראקלאמאציאן אפצו־שאפען די שקלאווערייו, און ווען דאס איז געווארען א געזעץ, איז גלייך ענטשטאנען דער בירגער־קריעג, צווישען די נארטה און סאוטה שטאאטען.

א היילינע בעגייסטערונג האט דאן ארומגענומען די איינוואהנער פון דער נארטה, יעדער איינער איז געווען בערייט זיין לעבען אוועקצוגעבען פיר די בעפרייהונג פון די שקלאווען, מוטערס האבען זייערע קינדער ארויסגע־שיקט, פרויען זייערע מענער, כלות זייערע חתנים אין קאמפף פאר די בע־פרייאונג פון די נעגערס און געגען מענשען־שקלאווערייו.

דיעזער שרעקליכער ברודער־קריעג האט געדויערט איבער פיער יאהר, איבער א מיליאן מענשען לעבענס זיינען פערלארען געגאנגען און די לאנד איז כמעט פערוויסטעט געווארען, אבער די פערפלוכטע שקלאווערייו איז אפגעשאפט געווארען.

און דאס אלעס האט פעראורזאכט מיסעס סטאו מיט איהר בוך

אָנקעל טאָם'ס קעבין

אין וועלכען זי האט ענטדעקט פיר דער גאנצער וועלט די מערדעריען און שוידערליכע פייניגונגען, וועלכע זיינען בעגאנגען געווארען צו די שקלאווען.

מיסעס סטאו איז געווארען בעריהמט איבער דער גאנצער וועלט, און איהר נאמען ווערט עד היום דערמאנט מיט גרויס עהרע און ווירדע ביי אלע מענשען, וועלכע ליעבען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

די אידישע איבערזעצונג פון אנקעל טאם'ס קעבין איז ארויסגעגעבען געווארען אין א פראכט־אויסגאבע. א גרויסע צאהל בילדער קומען אין בוך אריין, וועלכע שטעלען פאר די פערזאנען און די סצענעס, וועלכע ווערען דארטען געשילדערט, און דאס מאכט דעם בוך אויסערגעוועהנליך רייך און שעהן.

א פראכט־אויסגאבע פון „אנקעל טאם'ס קעבין" אין אנדערע שפרא־כען קאסט ניט ווענינער ווי 2 דאלאר. אונזער פרייז פיר א פראכט־אויסגאבע אין אידיש איז

בלויז $125

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א פראַכט אויסגאַבע פון

גראַף לעאָ טאָלסטאָי'ס

געוועהלטע ווערקע

אין צוויי דיקע פראַכטפאַלע בענדער.

ענטהאַלטען פאָלגענדע ווערקע:

1. טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע.
2. די קרייצער סאָנאַטאַ.
3. איך און מיין מאַן.
4. מיין פריינד'ס פרוי.
5. איוואַן איליאיטש'עס טויט.
6. צוויי דורות.
7. פאָליקושקאַ.
8. אננא קאַרענינאַ.
9. דער נסיון.
10. די פערפיהרונג.
11. איוואַן דער נאַר.
12. מיין וידוי.
13. קריעג און פריעדען.

גראַף טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער רוסישער שרייבער און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און זיינען איבעראַל פערקויפט געוואָרען אין די מיליאָנען; עס איז כמעט ניטאָ איין ציוויליזירטער מענש, וואָס זאָל ניט האָבען געלעזען טאָלסטאָי'ס ווערק.

טאָלסטאָי'ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואָס ער גיט איבער זיינע הויכע אידעאַלען און פילאָזאָפישע געדאַנקען אין אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדע ראָמאַנען. און אַז מען לעזט זיינעם אַ ראָמאַן איז אויסער וואָס מען איז זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט אין די ער־צעהלונג, לערנט מען אויך דערביי פיעלעס וועגען געוויסע פראַגען אין לעבען.

טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק זיינען געדרוקט אויף טהייערע פּאַפּיער און פראַכטפאָל געבונדען.

אַ פראַכט־אויסגאַבע פון „טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק" אין אידיש איז אַ ציערונג צו האָבען אין הויז.

פרייז בלויז 3 דאָלאַר

(פּאָרטאָ פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.